STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06312

LIBSHAFT

Pintshe Berman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פינטשע בערמאַן

ל י ב ש אַ פ ט

פּינטשע בערמאַן

ליבשאַפט

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב, תשל"ד — 1974

PINTCHE BERMAN

LIBSHAFT

פארלאג י. ל. פרץ,
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

P. BERMAN
23365 Burton Street
Canoga Park
Calif. 91304
U. S. A.

©

Printed in Israel 1974
נדפס בישראל תשל״ד

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדר׳ הר־ציון 104, טל. 822481

פון זעלבן מחבר:

אָ פ ע נ ע פ ע נ צ ט ע ר (לידער)

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1960

אין געראויש פון ווינט (לידער)

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1970

☆

פאַראַן אַזוי פיל שיינקייטן אין לעבן,
פראַכטן, אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס.
גאָט האָט זיי אונדז אַלעמען געגעבן —
זינג איך, און איך הייב צו אים מיין כוס.

פאַראַן אַזוי פיל שלעכטסקייטן אין לעבן,
אומרעכטן און ליידן אָן אַ מאָס.
גאָט האָט זיי אונדז אַלעמען געגעבן —
זינג איך, און דער צער פילט אָן מיין כוס.

מיין ליד

מיין ליד

קומט אָן פון ערגעץ, אויף פליגל פון ווינט,
אַ לויטער געזאַנג פאַר טאָג פון אַ קינד.

שטעלט זיך דער מאָרגן מיט זונשיין צעהעלט,
און ליכטיק, און פריידיק ווערט גאַס און געצעלט.

צעזשומען זיך גאָלדענע בינען אין לופט,
און ערד טרינקט, פאַרשיכורט, פון בלומען דעם דופט.

צעווייען זיך צייטיקע זאַנגען אין פעלד,
און זאָגן אָן ברויט פאַר פאַרהונגערטער וועלט.

באָדן זיך סאַמעטנע גראָזן אין טוי,
דער טאָג ווערט צעשטראַלט, און דער הימל ווערט בלוי.

ווערט בלוי און צעשטראַלט אויך מיין הארץ און געמיט,
גייט-אויף, אין צעוואַרעמטע בלוטן, מיין ליד.

מיין לשון

עס איז מיין לשון ניט קיין לשון, נאָר אַ ליד:
עס האָט די לייכטקייט, און די שווערקייט פון געמיט —
דערמאָנט מיך אין מיין מאַמעס בענטשן ליכט,
דערמאָנט מיך אויך מיין טאַטנס בלייך געזיכט.

עס איז מיין לשון ניט קיין לשון, נאָר געבעט,
און ניט די ליפּן, נאָר דאָס האַרץ אין תפילה, רעדט.
דו פילסט, ווי ווינטן ווילדע ווייען אין געדריי,
דו פילסט אַ זיסקייט, פילסט אויך ביטערניש און ווײ.

עס איז מיין לשון ניט קיין לשון, נאָר אַ קלאַנג
פון פאָלק, וואָס הייליקט טרויער דורך געזאַנג,
פון פאָלק, וואָס שרייט אוים טראַציק אין זיין פּיין:
מיר זענען דאָ! מיר זענען דאָ! מיר וועלן זיין!

פרעג מיך ניט פאַר וואָס

פרעג מיך ניט פאַר וואָס כ׳האָב פליגל אויף די פיס,
און יאָג זיך אָן אַן אָטעם נאָכן רעגנבויגן —
צו זינגען מיט די שטערן איז גוט אַזוי און זיס,
גאָטס וונדערלעך באַשאַף איז נאָענט מיר און אייגן.

פרעג מיך ניט פאַר וואָס, ווען כ׳זינג אַ ליד,
איז דאָס ליד צום לעבן פול מיט לויב-געזאַנגען —
דאָס לעבן איז מיר ליב, עס מאַכט מיך קיין מאָל מיד,
די פרייד האָט אין איר נעץ מיין האַרץ געפאַנגען.

פרעג מיך ניט פאַר וואָס מיין ליד האָט קיין געוויין —
איך האָב געוויינט גענוג, איך וויל שוין מער ניט וויינען.
מיין שטראָם פון טרערן האָט דער זון אַליין,
אַ מאָל שיר ניט פאַרפלייצט, מיט אַלע אירע חנען...

פ ר י י ד

ס'האָט גאָט באַשלאָסן ביי דער וועלט-יצירה,
אַז יסוד פון לעבן זאָל זיין פרייד.
קום דערפאַר און זינג צום לעבן שירה,
און מיט אַ קול צעקלינג די ווייט און ברייט.

זינג אַן אָדע צו דעם גרויסן וווּנדער:
אין דער הויך, אין לופט, און אויף דער ערד.
קום און זינג צו יעדן טייל באַזונדער,
צו זיין כישוף, צו זיין צויבער, צו זיין ווערט.

אַלץ אין לעבן פרייט זיך אָן אַן אויפהער:
וואַלד און פעלד, און באַרג און טאָל, און קינד.
די מלאכים פריידיק בלאָזן שופר,
און ס'קומט, פאַר טאָג, מיט פרייד אי זון, אי ווינט.

עס האָט די פרייד פאַרשפרייט זיך אין דעם לעבן,
גלייך נאָך גאָטס צעהאָפּערטן „כי טוב"
און איז אַריין אין אַלע וועלט-געוועבן —
און גאָט פאַרגעסט ניט, און ער צאָלט אַ חוב.

און איז פאַראַן אויך פיין, און נויט, און יאָכן,
און איז פאַראַן אויך טרויער וויי, און לייד —
ערגעץ-ווו איז גאָטס געזעץ פאַרבראָכן,
ווייל דער סוד פון לעבן איז נאָר פרייד...

גאָטס מעת־לעת

געבענטשט זאָל זיין די זון, וואָס גליט,
און וואַרעמט האַרץ, און הייבט געמיט,
און פּייערט בלוט צו זידן;
און ברענגט פאַר באַרג, און טאָל, און בוים,
פאַר פויגל, חיה, מענטש און היים
לעבנספרייד און פרידן.

גענענטשט זאָל זיין דער טאָג, וואָס וואַכט
אויף פּאַלאַץ, הויז, און גרוב און שאַכט,
ווי אַ שטרענגער טאַטע.
און טיילט די שעהען אויס פון מי,
פאַר אויפגעוואַכטן מענטש און פי —
די וועלט מוז זיין אַ זאַטע.

געבענטשט זאָל זיין די ווייסע נאַכט,
וואָס קומט מיט שטערנגלי, און פּראַכט,
און צויבער־וועלט אין חלום;
און ברענגט פאַר האַרץ, וואָס פּיינט אָן ענד,
אַ טרער פון טרייסט, אַ מאָל אַ בלענד
פון שטילער רו און שלום.

געבענטשט זאָל זיין דער גרויסער נס,
דער שיינער וווּנדער — גאָטס מעת־לעת,
וואָס האָט אי טרער, אי לידער.
ווער עס שרעקט זיך וואָס ער קומט,
ווען זיין הערלעכקייט צעבומט —
פאַר אַלע קומט ער ווידער.

דערנער פלאַנצט מען ניט

דערנער פלאַנצט מען ניט — זיי קומען.
ווילדגראָז שפּרייט זיך אויך אַליין.
נערן דאַרף מען בוים און בלומען,
אַלץ, וואָס ליב איז און איז שיין.

פייגל זינגען נאָר אין שטראַלן.
רויזן בליען נאָר אין ליכט.
זאָל דאָס האַרץ זיך נאָר צעפּראַלן,
זון גייט־אויף אויף מענטשס געזיכט.

העלט דער מזרח אין באַגינען.
עפנט קנאָספּע אויף די טיר.
פריידיק זיך צעזשומען בינען,
און דאָס ליכט ווערט אָן אַ שיעור.

ווי אַ זעלנער אין ריי

כ'האָב אויסגעקליבן אַ ליכטיקן וועג,
צו גיין אין מיין לעבן אויף אים.
עס דוכט מיר, איך הער אין פאַרוואָלקנטע טעג:
היט זיך! — מיך וואָרנט אַ שטים.

איך טרעף אויף מיין וועג אָן אַ שטיין נאָך אַ שטיין,
אַ צאַם נאָך אַ צאַם אין מיין גאַנג.
כ'הער קיין מאָל ניט אויף אויפן וועג דאָך צו גיין,
אַ מאָל אויך צעברויזט אין געזאַנג.

איך טרעף אָן אין וועג אויך אַ גרוב נאָך אַ גרוב,
וואָס לויערט און וואַכט אויף מיין טראָט.
איך מייד זי דאָך אויס, ווי פאַררויכערטע שטוב,
ווי פינצטערן ווינקל פון שטאָט.

פון אָט אַ דעם וועג גיי איך קיין מאָל אַראָפּ,
נאָר גלייך, ווי אַ זעלנער אין ריי,
איך גיי און איך האַלט אויפגעהויבן דעם קאָפּ,
אַ מאָל אויך אין פיין און אין וויי.

און וועט מיך דער וועג אַ מאָל פירן צום ראַנד,
ניט צאַפּלען וועט האַרץ זיך אין שרעק.
ס'וועט פרייד זיין אין גאַנג אויך צום אומבאַקאַנט לאַנד,
ווייל ליכטיק געווען איז דער וועג...

איך האָב ניט קיין טענות צום לעבן

איך האָב ניט קיין טענות צום לעבן.
דאָס לעבן איז מיר קיין בעל־חוב.
פאַר אַלץ, וואָס עס ווערט מיר געגעבן,
זאָג איך איצט אַ דאַנק און „כי טוב".

יעדער טאָג איז אַן אוצר געפונען,
יעדע שעה — אַ צעהעלטער געזאַנג.
פון שטערן און זון ווערט געשפּונען
אַ רויטער טעפּעך פאַר מיין גאַנג.

איך אָטעם און זאַפּ איין די פּראַכטן,
דעם אייביקן וווּנדער צעהעלט,
פון מאָרגנס און טעג און פאַרנאַכטן,
פון לעבנס פאַרכישופטער וועלט.

איך ליב און איך האָס און איך וואָגל,
און בלאָנדזשע פיל מאָל אין מיין וועג.
אויך ביטער אַ מאָל ווערט מיין לאָגל,
מיט ווײ און מיט פּיין אַן אַ ברעג.

דאָך האָב איך קיין טענות צום לעבן.
איך וויים, און ס'איז קלאָר מיר און ריין:
פאַרפלאָנטערטע אַלע געוועבן —
איך האָב זיי פאַרפלאָנטערט אַליין...

דאָס לעבן איז גאָרניט מיר שולדיק.
איך וואַרט ניט — איך גיי און איך נעם...
כ׳בין קיין מאָל דערבײַ אומגעדולדיק —
איך גיי מיט דער זון אויף מײַן ברעם.

געזאַנג פון די שטערן

דער פולער כוס

כ'וויל זינגען אַ ליד היינט פון לעבן —
פון שיינקייט, און ליבשאַפט, און פרייד ,
געשאַנקען, וואָס גאָט האָט געגעבן,
אין אונדזערע הערצער פאַרזייט.

כ'וויל זינגען פון טרוים און באַגערן,
פון פליגל, פון רחבות, פון ליכט,
פון קינדער, און בלומען, און שטערן,
פון גליאיק-צעשטראַלטן געזיכט.

כ'וויל זינגען פון הימלס געוועבן :
פון זון, וואָס גייט אויף און פאַרגייט,
פון כישוף און צויבער פון לעבן,
פון געטלעכער גאָלדענער קייט.

כ'וויל זינגען פון טוי און פון רעגן,
פון זאַנגען צעוויגט אין ווינט,
פון טייכן, און ימען, און ברעגן,
פון העלן געלעכטער פון קינד.

כ'וויל זינגען פון פייגל און בינען,
פון לאָנקעס, און לעמער, און שאָף,
פון וווּנדער, וואָס האָט קיין באַגינען,
פון צויבער, וואָס האָט ניט קיין סוף.

ס'האָט גאָט אונדז אַזוי פיל געגעבן —
אַ כוס, אַזאַ פולער, איז דאָ.
לאָמיר טרינקען לחיים צום לעבן!
לאָמיר טרינקען פון כוס ביזן דנאָ!

געזאַנג וואָס מער

אויף יעדן שליאַך און וועג,
ווו נאָר איך וואַנדער אום,
ווו פּיין איז אָן אַ ברעג,
ווו פייגל זענען שטום.

און ווו נאָר מיינע טריט
עס עכאָן אין מיין גאַנג —
כ׳וועל צינדן דאָרט אַ ליד,
כ׳וועל ברענגען דאָרט געזאַנג.

און ווו עס וויינט אַ קינד,
אַ מאַמע קלאָגט און רופט —
כ׳וועל איינשפּאַנען דעם ווינט,
צו שפּרייטן אין דער לופט,

אַ ליד, וואָס ברויזט און זידט
און, ווי די זון צעהעלט,
עס פלאַקערט און עס גליט —
און הערן זאָל די וועלט!

און דאָרטן, ווו איך וויים,
עס טריקנט אוים אַ קוואַל,
און טרערן רינען הייס,
און ס׳קומט ניט צו קיין שטראַל —

דאָרט מיט אַ ליד איך וועל,
ווי אַ צעזשאַרעט גלוט,
דעם הימל צינדן העל,
און פלאַמען האַרץ און בלוט.

נאָר ליד, און ליד, און ליד,
און נאָר געזאַנג וואָס מער,
קען הייבן שווער געמיט,
קען לעשן הייסע טרער.

לעבנס־פרייד

די וועלט איז ניט גרויס גענוג
פאַר אַלע פאַרלאָשענע שטערן;
די זון איז ניט הייס גענוג
אויסצוטריקענען אַלע טרערן.

דאָך ברויזט אין מיר אַ פרייד,
ס׳רייסט פון מיין האַרץ זיך אַ ניגון —
אַ טויב האָט אין מיר דאָס פאַרזייט,
און קינדער קליינע אין וויגן.

איצט העלט דער ניגון אין אַ ליד,
און שפּרודלט אויף מיין ליפּ און גומען;
און שאַלט אַרוים פון מיין יעדן גליד:
עס וועט אַ בלויער טאָג נאָך קומען...

אַ זיפֿץ פֿאַרוואַנדלט אין אַ שמייכל

ווערט אַ מאָל אַ זיפֿץ פֿאַרוואַנדלט אין אַ שמייכל;
ווערט אַ מאָל אַ טרער פֿאַרוואַנדלט אין אַ ליד —
צעשמייכלט אויך זיך גאָט, הויך דאָרטן אין זיין היכל,
און די מלאכים זיינע שמייכלען מיט.

גיב מיר דאָס געזאַנג, פֿאַר טאָג, פֿון קליינע קינדער,
ווען ס׳קומט אַרויס מיט פּראַכט צעברויזט די זון —
אויף גרינע לאָנקעס לעמער, שאָף און רינדער,
אויך ווערן דאָרטן אויפֿגעברויזט דערפֿון.

ווי וווּנדערשיין עס איז! ווי גוט עס איז דאָס לעבן!
און אויך דאָס האַרץ פֿון מענטשן איז שיין און גוט —
דו קום נאָר אָן צעשמייכלט אין שטראַל געוועבן,
און גיי אַנטקעגן אים, מיט ליבשאַפֿט אין דיין בלוט.

קען זיין, איך טרוים אויף וואָר, ווי אַנדערע — אין דרימל...
געבענטשט זאָל זיין די שעה, פֿון אָט דעם טרוים!
עס טרוימט אַ קינד אין וויג, דאָס „טעלערל פֿון הימל";
עס טרוימט ביי נאַכט פֿון זון אין טאָל דער אַלטער בוים.

גיב מיר דיין האַנט

דעם ליבן פריינד, דעם דיכטער חיים פלאָטקין

גיב מיר דיין האַנט און פיר מיך אַהין,
וווּ פעלד איז אין בלי, און לאָנקע איז גרין,
און פייגל צעטרעלט, און זון איז צעגליט,
און ס׳ווערט פון אַ טרער געבאָרן אַ ליד.

גיב מיר דיין האַנט און פיר מיך צום וועג,
וווּ נעכט זענען ווייס, און בלוי זענען טעג,
און בליק איז צעשטראַלט, און פליגל אין גאַנג,
און עס ווערט פון אַ זיפץ אַ ברוסטיק געזאַנג.

גיב מיר דיין האַנט און פיר מיך צום ראַנד,
וווּ מענטש איז דאָרט פריי, און פריי זיין פאַרשטאַנד,
און אַלץ האָט אַ מיין, און אַלץ האָט אַ זין —
אַ גיב מיר דיין האַנט און פיר מיך אַהין.

גאָטס וווּנדער

ניטאָ אַזאַ האַרץ, וואָס איז שלעכט,
ניטאָ אַזאַ אויג, וואָס איז בייז.
דאָס לעבן איז גוט און גערעכט,
ווי אַ שטראַל, ווי אַ טויב, ווי אַ רויז.

דו קום נאָר מיט ליבשאַפט אין בלוט;
דו קום נאָר מיט זון אין דיין האַרץ —
און אַלץ אַרום שיין ווערט און גוט,
אויך דאָס, וואָס איז טונקל און שוואַרץ.

און הערסטו אין ווינט אַ געוויין,
און זעסט ערגעץ ליידן און נויט —
דו קלאַפּ אין דיין ברוסט זיך אַליין —
ס'איז דיין אייגן-געשאַפענע קייט.

און זוכסטו, איז זוך אין דער טיף.
גאָטס וווּנדער — דאָס האַרץ — איז אַ ים.
דאָרט ליגט אַ צעבראָכענע שיף,
דאָרט ברויזט אויף אַ פייער אַ פלאַם.

ניטאָ אַזאַ האַרץ, וואָס איז שלעכט,
אַן אויג, וואָס איז בייז און געמיין.
און דער, וואָס ער פייניקט און שעכט,
ער פייניקט און שעכט זיך אַליין...

קום מיט מיר

קום מיט מיר אין צויבערלאַנד פון טרוימען,
ווו ס'הערט ניט אויף דאָס האַרץ צו זינגען לידער,
ווו פרידן-כוואַליעס לויטערע דאָרט שוימען,
ווו מענטשן אַלע לעבן דאָרט ווי ברידער.

קום מיט מיר אין וווּנדערלאַנד פון גלויבן,
ווו שטענדיק איז צעפלאַטערט די נשמה,
ווו יעדער איינער פילט זיך דאָרט דערהויבן,
ווו ס'ברענען העל די קנויטן פון נחמה.

קום מיט מיר אין כשוף-לאַנד פון האָפן,
ווו אַלץ אַרום, צעברויזט איז אין געזאַנגען,
ווו טיר און טויער זענען שטענדיק אָפן,
און מענטש איז אין אַ ליבשאַפט-נעץ געפאַנגען.

קום מיט מיר אין זונלאַנד פון בטחון,
ווו נביאָס וואָרט איז דאָרט די שטאַרקסטע וואָפן,
ווו לעבנספרייד מאַכט יום-טוב פון דערוואַכן —
נאָר גאָט אַליין האָט אָט דאָס לאַנד געשאַפן.

פאַר יעדער טרער

פאַר יעדער טרער, וואָס גייט צו גאָט אין היכל,
פאַר יעדן זיפץ, וואָס קומט מיט וויי און לייד,
איז ערגעץ אויך פאַראַן אַ ליבער שמייכל,
איז ערגעץ אויך פאַראַן אַ קינדס אַ פרייד.

עס האָט די וועלט אַ שלל פון אַש און גריבער,
עס האָט די וועלט שוין צו פיל רויך און ליים,
עס האָט די וועלט אויך באַרג, און טאָל, און שטיבער,
עס האָט די וועלט אויך וואַלד, און פעלד, און היים.

פאַר יעדן איינעם זינגט דער ווינט באַגינען,
פאַר יעדן איינעם שיינט די זון און גליט —
גוט איז, ווען עס פלאַצט געוועב פון שפינען,
גוט איז, ווען עס ווערט פון טרער אַ ליד.

דאָס וווּנדער־געזאַנג

קומט, לאָמיר זינגען דאָס ליד פון דער שעה:
פון פריינדשאַפט, פון פרידן און פרייד;
פון לענדער אין זון־שיין, וווּ האַס איז ניטאָ,
פון גוטסקייט און שיינקייט פאַרשפּרייט.

קומט, לאָמיר זינגען דאָס ליד פון דער בייט:
פון פעלדער פאַרזייט און פון שניט;
פון זאַנגען און גאַרבן, פון קאָרן און ברויט,
פון שייערס מיט שפּע צעגליט.

קומט לאָמיר זינגען דאָס וווּנדער־געזאַנג,
פון הערצער און אויגן צעהעלט;
פון ליכטיקסטן יום־טוב, פון זיסטן געטראַנק —
דאָס ליד פון אַ מענטשלעכער וועלט.

קומען מענטשן און זיי פרעגן

קומען מענטשן און זיי פרעגן:
זאָג, פון וואַנען דיינע פריידן,
ווען עס ברענען אַלע וועגן,
און די וועלט איז פיל מיט ליידן.

און איך ענטפער: פון די שטערן,
וואָס זיי זינגען אין מיין פענצטער,
ווישן אָפּ מיר מיינע טרערן,
און פאַרטרייבן נאַכט-געשפּענסטער.

קומען מענטשן, און זיי טענהן:
זאָג, פון וואַנען איז דיין הוליען,
ווען אַרום דיר הערצער פּיינען,
ניטאָ צו וועמען זיך צו טוליען.

און איך ענטפער: פון די זונען,
פון פאַרטאָג די מילדע שטראַלן
אין אַ כּישוף-נעץ געשפּונען,
ווי מיליאָנען וואַסערפאַלן.

קומען מענטשן, ווילן וויסן:
זאָג, פון וואַנען די געזאַנגען,
ווען אַרום נאָר שלאַנגען היסן,
און די זון איז לאַנג פאַרגאַנגען.

און איך ענטפער: פון דעם לעבן,
פון זיין צויבער, פון די פראַכטן.
כ'זינג און ריים די שפּינגעוועבן,
כ'זינג, און צינד אָן די פאַרנאַכטן.

☆

פאַר ווער עמען עס זענען די זון און די שטערן
ניט מער נאָר, ווי גאַזן אין אייביקן בראַנד;
פאַר ווער עמען לבנה איז זאַמד, און ניט גערן —
אַ שטויביק, און לופּטלאָז, און מדברדיק לאַנד.

פאַר מיר איז די זון נאָר אַן אוצר פון שטראַלן,
וואָס לייכטן און טריפן אַריין אין מיין הארץ,
פון פרייד און בטחון די לויטערסטע קוואַלן —
די אייביקע שונאים פון חושך און שוואַרץ.

פאַר מיר איז לבנה אַ גאַסט אין די שעהען
פון נאַכטיקער איינזאַמקייט, אומעט און שרעק.
מיט אויגן, וואָס גליען, און גלעטן, ווי טויען,
און טרייבן דעם אומעט פון האַרצן אַוועק.

פאַר מיר זענען שטערן די לאָמפּן, געצונדן
אין נאַכטיקן הימלשן בלויען געצעלט.
זיי לייכטן און לינדערן הערצער אין וווּנדן,
און מאַכן מיר ליכטיק און וואַרעם מיין וועלט.

פלאַם פון בטחון

אין צעשפּרודלטן געמיט

מעגן טעג זיך שטעלן גרויע,
מעגן הימלען זיין ווי שוואַרץ —
מיינע פייגל זענען בלויע,
און די זון איז אין מיין האַרץ.

מעגן בייזע ווינטן וואָיען,
ווי קאַיאַטעס אין געפאַנג —
מיינע שטערנפולע שעהען,
עכאָן ברויזיק מיט געזאַנג.

קומען שאָטנס אָן פאַרבאָרגן,
חושך רינגלט מיין געצעלט —
זינג איך פון אַ העלן מאָרגן,
זינג איך פון אַ שיינער וועלט.

ס'איז נאָר גלויבן און בטחון,
וואָס עס זשאַרעט אין מיין בלוט ;
ס'איז פון ליבשאַפט דער נצחון,
וואָס עס ברענט אין מיר, ווי גלוט.

ניטאָ דער כוח, וואָס קען צוימען
מיין צעשפּרודלטן געמיט,
ווען, ווי פאַלקאַנס אין די רוימען,
עס צעפלאַטערט זיך מיין ליד.

אין נביאס טריט

(והיה באחרית הימים)

היינט וויל איך זינגען פון גוטסקייט פון האַרץ,
פון שיינקייט פון מענטשנס נשמה:
עס זוניקט און לויטערט אויך דאָס, וואָס איז שוואַרץ,
און ברענגט מיט זיך רו און נחמה.

איך ווייס: פאַראַן הערצער פאַרחושכט, פאַרטרערט,
אויך בלוטן, מיט שנאה וואָס זידן.
דאָך וויל איך היינט זינגען אַ ליד אומגעשטערט,
פון ליבשאַפט, פון פרייד, און פון פרידן.

זאָג ניט: אין מענטש ליגט און דרימלט אַ שלאַנג;
זאָג ניט: אין מענטש שלאָפט אַ חיה —
אין יעדן פון אונדז העלט אַ פונק אין געפאַנג,
דער פונק פון דעם נביא ישעיה.

יעדע שעה פון דעם נביא געווען איז אין פיין,
יעדער טאָג איז געווען אים אַ גרויער,
און ער האָט געזונגען פון מאָרגנס אין שיין,
פון טאָג, וואָס וועט קומען אַ בלויער.

געווען איז די וועלט אים איין קריגעריש פעלד,
געבלוטיקט דאָרט ווידער און ווידער —
און ער האָט געזונגען פון הערצער צעהעלט,
פון מענטשן, וואָס לעבן ווי ברידער.

ה י י נ ט

וויין ניט, וואָס מאָרגן וועט וועלקן די בלום,
אָטעם איר דופט אַריין היינט;
לאָז בליען דעם חלום — מעג קומען וואָס קומט,
זאַפּ איין די זון, ווען זי שיינט.

קלער ניט פון סוף פון דעם אוראַלטן בוים,
טראַכט ניט פון שאַרף פון דער האַק —
מאַך היינט זיין שאָטן דיין רו און דיין היים,
ווי די טויב אונטער דעכער — איר שלאַק.

זאָרג ניט, וואָס מאָרגן וועט וויין שוין ניט זיין,
טרינק היינט, און טרינק ביזן דנאָ —
ווען פול איז דיין בעכער מיט שוימיקן וויין,
און עס גריסט דיך אַ פריידיקע שעה.

יונג אין האַרץ

דעם פאָלקס־קאָמפּאָזיטאָר יעקב דאַווידסאָן

מע קען זיין יונג אין האַרץ,
און זיין אויך אַלט אין יאָרן.
ניט וויכטיק איז דאָס יאָר,
ווען מע איז געבאָרן.

וויכטיק איז די זון,
אויף די גרויע ברעמען,
און דעם פויגלס טרעל,
צו הערן און פאַרנעמען.

וויכטיק איז די פרייד,
דער שמייכל אויפן פּנים,
ווען מע טרעפט אַן פריינד,
און אַפילו שונאים...

אַ ליבע זון, פּאָר טאָג,
קושט אי בלום, אי דאָרן —
מע קען זיין יונג אין האַרץ,
און זיין אויך אַלט אין יאָרן.

ניט זאָרג

ניט זאָרג, וואָס שאָטנס גרויע
איצט בליען אויף דער וועלט,
און דעקן הימלען בלויע,
און טונקלען מענטשס געצעלט —

אַ נייער טאָג וועט קומען,
אַ טאָג פון גליק און פרייד,
פון זונשיין און פון בלומען,
פון לידער און פון ברויט.

עס וועלן הערצער זידן,
און זינגען אין אַ כאָר,
פון פריינדשאַפט און פון פרידן,
און ברודערשאַפט ביז גאָר.

אַזוי האָב איך אַ גלויבן,
אין הארצן אָפּגעשפּאָרט:
עס קומט אַ טאָג דערהויבן —
איך גלויב אין נביאס וואָרט.

עס פרעגן מיך מענטשן

עס פרעגן מיך מענטשן, אין ווונדער,
פאַר וואָס אַזוי פריידיק מיין ליד,
ווען טרויער רירט יעדן באַזונדער,
ווען בליי ליגט אויף יעדנס געמיט?

פאַראַן אַזאַ פרייד אין דעם לעבן —
קיין טרויער ווישט אָפּ אירע טריט.
די פרייד איז פון הימל געגעבן,
זי הייבט אויף דעם שווערסטן געמיט.

די פרייד האָט אַ נאָמען: בטחון —
אַ העל־אַנגעצונדענע קנויט.
זי ווייס ניט פון פיין און פון יאָכן,
זי ווייס ניט פון ווי און פון לייד.

ווי פייגל אויףביימער

קומט, לאָמיר זינגען, ווי פייגל אויף ביימער,
באַגעגנען דעם טאָג מיט אַ גלויביק געמיט.
קומט, לאָמיר זינגען, ווי נאַכטיקער שומר,
וואָס ווינקט צו די שטערן, און פייפט זיך אַ ליד.

זאָג ניט: די פייגל זיי זענען ניטאָ מער —
מוז אייביק שוין הענגען אַן אומעט אַרום;
זאָג ניט, די טויבן זיי וואַרקען ניט מערער —
מוז אייביק דער הימל זיין פינצטער און שטום.

קומט, לאָמיר זינגען, צום טראָץ פון די יעגער,
וואָס האָבן די פייגלשע לידער פאַרשטומט.
קומט, לאָמיר זינגען, צום טראָץ פון די טרעגער
פון סם אין דעם אָטעם, ווי חיות צעברומט.

ווען ס'איז זים און אים פרייט אונדזער טרויער —
מיר — לאָמיר הייליקן טרויער דורך ליד.
אין דערמאָנונג פון טאָג, וואָס געווען איז אַ גרויער,
זאָל דאָס האַרץ מיט געזאַנגען אין אונדז טאָן אַ זיד.

ניט טרויער, נאָר לידער זיי הייבן געמיטער.
ניט טרערן — געזאַנגען נאָר גיבן צו מוט.
קומט, לאָמיר זינגען מיט הייליקן ציטער,
אין פלאַם פון בטחון — און זיין וועט נאָך גוט!

די זון וועט קומען מאָרגן

גאָט, איך דאַנק דיר פאַר די גנאָדן,
וואָס פון מיר האָסט ניט פאַרבאָרגן,
מיך מיט גלויבן אָנגעלאָדן —
אַז די זון וועט קומען מאָרגן.

ניט די פּיינען, ניט די ווייען,
וואָס זיי קומען ווידער-ווידער,
און זיי פּלאָגן, און געדייען,
קענען סמען מיינע לידער.

ניט די שטורעמס, ניט די וויכערס,
ניט די בייזע נויט און זאָרגן,
קענען בויגן מיך — כ׳בין זיכער,
אַז די זון וועט קומען מאָרגן.

גאָט, איך דאַנק דיר פאַר דעם וווּנדער,
וואָס פון מיר האָסט ניט פאַרבאָרגן,
פאַרן לעבן, און באַזונדער
וואָס די זון וועט קומען מאָרגן...

אין געזאַנג פון בטחון

ווען האַיִנאַ איז דער היטער
פון די שאָף און רינדער,
און דער געבער פון געזעצן
איז אַליין דער צינדער;

ווען די קראָען זינגען לידער,
און די פייגל שטומען,
און אַ שלאָס איז אויפגעהאַנגען
אויף דיין ליפּ און גומען;

ווען עס הוליען בייזע ווינטן
און זיי לעשן שטערן,
און עס ווערן קינדערוויגן,
נאָס פון מאַמעס טרערן —

פאַל ביי זיך דאַן ניט אַרונטער,
בייג זיך ניט אין טרויער.
איצט די צייט איז פון צעשטערער,
קומען וועט דער בויער.

שוואַרצע וואָלקנס איבער הימלען,
קענען לאַנג ניט בלייבן,
און ניטאָ נאָך אַזאַ כּוח,
וואָס קען זון פאַרטרייבן.

ווען דאָס האַרץ איז אָנגעלאָדן

ווען דאָס האַרץ איז אָנגעלאָדן —
עפּעס נאָגט און טוט דיר וויי,
און דו פילסט — אַ שווערע משא
ליגט אויף דיר און דריקט אַזוי;

ווען פון ערגעץ קומען שאָטנס
און פאַרשטעלן דיר די שייַן,
און אין ווינט פאַרנעמסטו עכאָס
פון אַ שטיל געוויין, אין פּייַן;

ווען דאָס בלוט פאַרלירט זיין פייער,
און דער טאָג איז גרוי און קאַלט,
און חלומות לעשן אויס זיך,
און דער הימל פאַלט און פאַלט —

גוט איז דאַן זיך לאָזן שווימען
אין די כוואַליעס פון געבעט,
אין אַ שווייגנדיקער תפילה,
ווען דאָס האַרץ אַליין נאָר רעדט.

ווידער ווערט דאָס בלוט צעצונדן,
ווידער הייבט זיך דאָס געמיט,
און פון ווייען ווערן זונען,
און פון זיפצן ווערט אַ ליד.

דער וועג צו די שטערן

דעם ליבן פריינד דעם דיכטער לעאָ ראָזאָף

דער וועג צו די שטערן
פירט שטענדיק דורך טרערן,
נאָר שטעל זיך ניט אָפּ אין דער מיט —
פון פיין און פון ווייען,
און נשמה-געשרייען,
ווערט געבאָרן אין האַרצן אַ ליד.

אַזוי גייט דאָס לעבן,
אין אַלע געוועבן.
ניט פרעג קיין פאַרוואָס, און ניט טראַכט.
אויב דו פירסט נאָר דיין וואָגן,
צו זון אין פאַרטאָגן,
מוזטו דורכגיין דעם וועג פון דער נאַכט...

גיב זשע, מיט גלויבן,
אַ דאַנק דעם וואָס אויבן,
ווען עס גרייכט דיך אַ כוואַליע פון לייד,
וואָס עס זענען דאָ ספערן,
מיט זון און מיט שטערן,
מיט לידער, געזאַנגען און פרייד.

ווײל איז דעם טרוימער

ווײל איז דעם טרוימער,
אין ווײ און אין טרערן,
וואָס טרוימט נאָך פון פרילינג,
פון זון און פון שטערן.

ווײל איז דעם גלויבער,
אין פרייד און אין שלום,
וואָס לאָזט זיך פאַרוויגן,
אין כישוף פון חלום.

ווײל איז דעם האָפער,
ווען ענג הייבט אָן ווערן,
וואָס הערט ניט אויף האָפן,
און זינגט צו די שטערן.

ווײל די, וואָס גייען
די ווינטן אַנטקעגן,
און צינדן אָן לאָמפּן,
אויף פינצטערע וועגן.

ווײל דאָס איז דער סוד
און דער זין פונעם לעבן:
צו חלומען, טרוימען,
און שפּינען, און וועבן.

אין זון און בטחון

אַזוי איז מיין דרך, אַזוי איז מיין פירונג,
אַזוי גייען אויף מיינע לידער:
עס קומט אָן דער מאָרגן, פאַרשווונדן דער מאָרגן —
וועט מאָרגן, דער מאָרגן זיין ווידער...

אַזוי איז מיין גאַנג און מיין אני־מאמין,
און אַזוי מיין וואָרט טו איך וועבן:
דאָס לעבן איז גוט, איז שיין און איז הייליק —
די גאָטהייט אַליין איז אין לעבן.

און בערגער, און טאָלן, און ימען, און טייכן,
און פעלדער, און וועלדער, און מענטשן —
זיי פילן מיך אָן מיט אַן אייביקן וווּנדער,
מיין האַרץ טוט אַלע זיי בענטשן.

איך שטעל זיך ניט קיין מאָל צום וואַנט מיטן פנים,
מיין בליק איז געווענדעט צום שכן;
מיין טיר איז צעפּראַלט, מיין פענצטער איז אָפן,
און איך באָד זיך אין זון און בטחון.

לאָז מיך ניט פאַרשעמען זיך אַליין

ווען בלויע טעג פאַרוואַנדלען זיך אין שוואַרץ,
ווען פרייד אַ מאָל גייט איבער אין געוויין —
וואַרף ניט אָן אָן אומעט אויף מיין האַרץ,
לאָז מיך ניט פאַרשעמען זיך אַליין.

כ׳האָב אין לעבן ניט אַ ריר געטאָן אַ פליג,
כ׳האָב אַ וואָרעם ניט צעקוועטשט אין מיינע טריט —
לאָז ניט מיט דער וועלט מיך זיין אין קריג,
לאָז ניט פיינטשאַפט סמען מיין געמיט.

ס׳האָט אין מיין האַרץ געבליט ישעיהס וואָרט,
ס׳האָט אין מיין בלוט געברענט דעם נביאס טרוים —
לאָז ניט צווייפל זאָל פאַרנעמען זייער אָרט,
לאָז ניט ווינטן אומוואַרפן דעם בוים.

ליבשאַפט נאָר געברויזט האָט אין מיין ליד,
ס׳איז פריינדשאַפט נאָר געלעגן אויף מיין צונג —
פיר ניט אין דער פינצטער מיינע טריט,
צינד ניט אָן פון האַס, אין מיר, דעם פונק.

כ׳האָב שטענדיק נאָר געטרוימט פון זון און ליכט;
כ׳האָב שטענדיק נאָר פון שטראַל און גלי געטראַכט —
לאָז ניט שאָטן זאָל פאַרדעקן מיין געזיכט,
לאָז מיך ניט פאַראַנקערט זיין אין נאַכט.

איך האָב געגלויבט: אין יעדן מענטשנס האַרץ,
דאָרט גליט אַ פונק פון געטלעכקייט און חן —
לאָז ניט כ'זאָל, אין לעבן זען נאָר שוואַרץ,
אָ לאָז מיך ניט פאַרשעמען זיך אַליין.

ווען עס קומט אַ טאָג אַ גרויער

גאָט האָט אונדזער וועלט באַשאַפן
נאָר פאַר שיינקייט — ניט פאַר וואָפן,
נאָר פאַר ליבשאַפט — ניט פאַר שנאה,
און די גאַנצע ברייטע בינע,
פון דעם וואונדער, וואָס איז לעבן,
האָט ער אַלעמען געגעבן.
בייג זשע ניט דיין קאָפּ אין טרויער,
ווען עס קומט אַ טאָג אַ גרויער.
„מעשי ידיו״, האָב קיין מורא,
ניט פאַרגעסן וועט דער בורא —
ס׳וועט אויף לאַנג ניט בלייבן פינצטער.
ס׳איז קיין צווייפל ניט, דער מינדסטער,
אַז אַ גרויסע ליכט וועט קומען,
מיט געזאַנג און קלאַפּן-בומען;
אויב ניט היינט — איז דאָ אַ מאָרגן.
דאָס איז ניט אַ סוד פאַרבאָרגן;
אויב ניט מאָרגן — זיכער שפּעטער,
אָבער קומען, קומען וועט ער.

עס וועלן וואָרקען אַלע טויבן,
און די שטראַלן אין די שויבן
וועלן שפּילן זיך, ווי קינדער.
און די צינדער, און די שינדער,
וועלן זיין די שאַנד פון נעכטן.

אין אַ לעבן אַ גערעכטן,
אין אַ לעבן שיין־דערהויבן!
גלויב אַזוי! ס'איז גוט צו גלויבן!

אין אַ ווונדערוועלט אַ נייע
האָט געגלויבט אַ מאָל ישעיה.
בייג זשע ניט דיין קאָפּ אין טרויער,
ווען עס קומט אַ טאָג אַ גרויער.

טאָג אַנטקעגן

לאָמיר גיין דעם טאָג אַנטקעגן:
עס וועט אויף אַלע אַלע וועגן
רעגענען מיט ליכט.
עס וועט דער הימל זיין אַ בלויער
און באַשטראַלן אין זיין דויער
יעדערנס געזיכט.

נעכטן האָט געברענט דער וויכער
און די נאַכט, מיט שוואַרצע טיכער
האָט פאַרדעקט די וועלט.
מאָרגן קומט. ס׳וועט ליכטיק ווערן
און די נאַכט, צעברויזט מיט שטערן,
זינגען וועט צעהעלט.

ווער עס הערט ניט אויף צו קלאָגן
אויף פאַרוואָלקנטע פאַרטאָגן
און אויף טעג אָן שיין,
יענער הייבט שוין אָן צו מיינען,
אַז די וועלט האָט נאָר געוויינען,
חושך נאָר און פּיין.

לאָמיר אַלע מיט בטחון
מאַכן יום טוב פון דער וואָכן,
און מיט זון אין בליק
לאָמיר גיין דעם טאָג אַנטקעגן,
וואָס וועט ברענגען אויף די וועגן
פרידן, פרייד און גליק.

און אויך דאָס איז אַ חלום

עס וועט ניט דער געשמידטער
לאַנג נאָך זיין געשמידט —
האָט צוגעזאָגט דער נביא
אין זיין באַחרית-ליד.

פון שווערדן וועט מען מאַכן
אַקערס פאַרן פעלד
און פריינדשאַפט-פאָן וועט ווייען
אויף שייער און געצעלט.

און אַ געזאַנג פון שניטערס
וועט עכאָן אין דעם ווינט;
און מענטש, צעברויזט, וועט לאַכן,
ווי עס לאַכט אַ קינד.

און ליד וועט זיין אין בלוטן;
און האַרץ וועט זיין צעהעלט;
און פרייד וועט זיין, און פרידן,
אויף דער גאַנצער וועלט.

— — — — — — — — — — —

און אויב דאָס איז אַ חלום —
צו חלומען איז גוט,
עס צינדט אין האַרץ אָן פונקען,
און עס גיט אין לעבן מוט.

קומט, לאָמיר זינגען

קומט, לאָמיר זינגען פון פעלדער פאַרזייטע —
דאָס ליד פון אַקער און ברויט.
מיט פייער אין אָטעם, מיט פליגל צעשפּרייטע,
אין פרייד פון פאַרשוווּנדענער נויט.

קומט לאָמיר זינגען פון בליטן באַגינען —
דאָס ליד פון בלומען און דופט.
פון פּראַכט און פון זיסקייט, פון נעקטאַר און בינען,
פון ווּנדער, וואָס וועקט און וואָס רופט.

קומט, לאָמיר זינגען פון טאָג דעם געגאַרטן —
דאָס ליד פון געהויבן געמיט.
גוט איז צו גלויבן, און האָפן, און וואַרטן,
און זינגען פון לעבן דאָס ליד.

בטחון

שפרייטן זיך שאָטנס אויף גאַס און געצעלט,
קומט אַ פאַרצווייפלונג אויף לאַנקע און פעלד,
לעשן אוים וואָלקנס פרימאָרגנדיק גלוט —
לאָז ניט, אַז יאוש זאָל סמען דיין בלוט.

שטעלט זיך אַ טאָג, אַ מאָל, פינצטער און שווער,
און הענגט אויף דיין וועג אָן, אַ זיפץ און אַ טרער,
און וואַרפט אָן אַן אימה אויף האַרץ און געמיט —
גיי ווייטער, גיי ווייטער, ניט שטעל אָפּ די טריט!

לעשט זיך דיין שטערן אין הימל דאָרט אוים,
פּיין הייבט אָן בויען אַ נעסט אין דיין הויז,
שפּיגלט אַ שטראַל זיך ניט מער אין דיין שויב —
שטרעק דיינע הענט אוים, און וואַרט אויף דער טויב.

שפרייט זיך אוים חושך צו ברייט און צו לאַנג —
אין האָפן און גלויבן ווערט וועלט אַ געזאַנג.
צעבליט זיך אַ טרער אויף דיין אויג און געמיט —
אין פלאַם פון בטחון — אַ טרער ווערט אַ ליד...

גוט איז

גוט איז צו טרוימען פון טאָג, וואָס וועט קומען.
גוט איז צו גלויבן, אַז בעסער וועט זיין.
ווען עס הייבן אָן וועלקן אין גאָרטן די בלומען,
ווען עס הערט אויף צו שוימען אין בעכער דער וויין.

גוט איז צו ציילן אין הימל די שטערן
און, ציילנדיק, הערן זייער כאָרן־געזאַנג,
ווען עס דריקן די נאַכטיקע שאָטנס ביז טרערן,
און האַרץ און געמיט אין אַן אומעט־געפאַנג.

גוט איז צו צינדן פאַר וואָגלערס קאַמינען,
און אַליין, ביי דעם פייער, זיך וואַרעמען דערביי,
ווען שווער ווערט אַן אָנלען אין וועג צו געפינען,
ווען עס זינגט ניט דער פויגל מער הילכיק און פריי.

פאַראַן ווייניק גליק און גאָר אַ סך ליידן;
איין בליאַסק אויף פרימאָרגן, און כמאַריקער טאָג —
גוט איז צו טרוימען פון קומענדע פריידן,
ווען נויט, און ווען שנאה, וועלן זיין אין פאַריאָג.

ווען טריט ווערן לאַנגזאַם

ווען טריט ווערן לאַנגזאַם
און שווער ווערט דער גאַנג,
און שווער ווערט צו הערן
דעם פֿויגלס געזאַנג;

ווען עס ברענגט דיר אַ בשורה
דיין שטעקן אין האַנט,
אַז דער וועג ווערט דיר שמאָלער,
אַז ער פֿירט דיך צום ראַנד;

ווען אַלץ, וואָס געהאָפֿט,
און געטרוימט, און געטראַכט,
ווערט פּלוצלונג פֿאַרוואַנדלט
אין אַ פֿינצטערער נאַכט,

און עס הייבט זיך אָן אַלץ אַרום
פֿאַרבן אויף שוואַרץ —
טוט פּלוצלונג אַ ציטער
אַ סטרונע אין האַרץ.

עס צעשפּילט זיך אַ ליכטיקער
שטראַל אין דיין בליק:
העי, מאָרגן די זון
וועט דאָך קומען צוריק!

צעטליעט זיך ווידער
אַ פונק אין דיין בלוט,
און עס ווערט אַזוי וואַרעם,
עס ווערט אַזוי גוט.

דער הימל ווערט בלוי
און די נאַכט גייט אַוועק,
אַוועק מיט איר שאָטן,
געשפּענסטער און שרעק.

דאָס האַרץ מער ניט ווייטאָגט,
געמיט — מער ניט שווער,
און לייכט ווערט, און ליכטיק,
און עס קאַפּעט אַ טרער.

צווישן טאָג און נאַכט

שטילקייט

פאַראַן אַזאַ שטילקייט, וואָס קומט אין פאַרנאַכטן,
ווען זון איז אַוועק שוין, און נאַכט נאָך ניטאָ:
עס פלעכטן זיך אומעט און בענקשאַפט צוזאַמען,
און אַ זעלישע רויִקייט ברענגט דיר די שעה.

פאַראַן אַזאַ שטילקייט אין שפּעטיקע שעהען,
ווען מענטש איז אין פרידן, אין רו, און אין טרוים.
עס זינגען דאַן פריידיק די שטערן אין הימל,
עס זינגט אויך דאָס האַרץ אָן אַ שטער, אָן אַ צוים.

פאַראַן אַזאַ שטילקייט, וואָס ברויזט מיט ניגונים,
אַ סטרונע צעציטערט זיך טיף אין דיין האַרץ.
און ליכטיק עס ווערט דיר — אַ לויטערע ווייסקייט
פאַרשפּרייט זיך אויף אַלץ, וואָס איז טונקל און שוואַרץ.

פאַראַן אַזאַ שטילקייט, וואָס רעדט צו די הימלען,
און גאָט אַליין ענטפערט און וואַרעמט דיין בלוט.
עס ווײנט אין דער שטיל, אין געבעט, די נשמה,
און עס ווערט אַזוי לייכט, אַזוי זיס, אַזוי גוט.

ש י י נ ק י י ט

דאָס לעבן האָט פּראַכטן, וואָס זענען ווי בליצן,
וואָס קומען אָן פּלוצלונג אין נאַכטיקער שעה.
איין רגע באַלייכטן זיי באַרגיקע שפּיצן,
און ווידער, און ווידער — און זענען ניטאָ.

אַזאַ איז די שיינקייט, וואָס קומט נאָך אַ רעגן:
עס טריפן די דעכער מיט טראָפּנס פון גאָלד,
עס באָדן זיך שטראַלן אין טייכלעך אויף וועגן,
טייבעלעך טוליען זיך — האָבן זיך האָלד.

אַזאַ איז די שיינקייט, ביי נאַכט, נאָך אַ וויכער:
דער הימל איז ליכטיק, לויטער און קלאָר.
עס איילן זיך שטערן צו קומען וואָס גיכער,
און תּפילהן און זינגען צוזאַמען אין כאָר.

איין שיינקייט פאַראַן דאָך, וואָס ווערט ניט פאַרשוווּנדן,
עס שיינט, און עס העלט, און עס הייבט דעם געמיט.
דו קוקסט און דו גאַפּסט, און דיין בלוט ווערט צעצונדן,
ס׳גייט אויף אין דיין האַרצן צו שיינקייט אַ ליד.

אַזאַ איז די שיינקייט פון אַ מענטשלעכן פּנים,
צעקאַרבט און צערונצלט פון צייט און פון לייד,
מיט אויגן, וואָס שמייכלען אַפילו צו שונאים,
און שפּרייטן אַ וואַרעמקייט, ליבשאַפט און פרייד.

ליבשאַפט

ליבשאַפט מיינט נעסטן פון טויבן אין אויגן,
ליבשאַפט מיינט זינגען ביי אַרבעט און מי,
ליבשאַפט מיינט שמייכל פון קינדער, וואָס זייגן,
ליבשאַפט מיינט מאַמע ביים וויג אין דער פרי.

ליבשאַפט מיינט ווּנשיין אויף ווייעס און ברעמען,
ליבשאַפט מיינט אָפענע פענצטער און טיר,
ליבשאַפט מיינט קיין מאָל ביי קיינעם ניט נעמען,
נאָר געבן און געבן, אָן מאָס, אָן אַ שיעור.

ליבשאַפט מיינט צינדן אין ווייען פאַקעלן,
ליבשאַפט מיינט פּאָנען פאַר פרייד און פאַר גליק,
ליבשאַפט מיינט זיצן און וואַרטן אויף שוועלן,
אויף איין זיסן שמייכל, אויף איין גוטן בליק.

ליבשאַפט מיינט צווינגען די אויגן צו שיינען,
ווען ס'פיבערט אין ווייטאָג דער גאַנצער געביין;
ליבשאַפט מיינט ליידן, און צאַנקען, און פיינען,
אַז קיינער זאָל וויסן, פאַר זיך נאָר אַליין...

נ אַ כ ט

די נאַכט אויף מיינע וויִעס אַ טרער האָט אויפגעהאַנגען,
און אַ זיפץ מיר אָנגעבונדן אויף מיין געמיט.
עכאָס אין דעם נאַכטווינט — שטילע תפילה-קלאַנגען,
אין האַרצן האָט אַן אומעט זיך צעבליט.

וואָלקנס — בייז און פינצטער — גיריקע קאַיאָטעס.
מיילער ווי די תהומען — נאָך שטערן אין געיעג.
שטייף און אויסגעצויגן, ווי סאָלדאַטן — ראָטעס,
שטייען שטומע ביימער ביי דער זייט פון וועג.

פערלדיקע טראָפּנס — טרערן פון דעם הימל,
פאַלן אויף די גראָזן פון דער הויך.
ביי אַן אָפן פענצטער זיץ איך און איך דרימל,
פאַלן אויף די גראָזן מיינע טרערן אויך...

ניטאָ נאָך אַזאַ פּראַכט

ניטאָ נאָך אַזאַ פּראַכט, ווי זוניקער באַגינען,
ניטאָ נאָך אַזאַ פאַרב, ווי פאַרב פון רעגן־בויגן.
אין גאָטס באַשאַף אַליין קען האַרץ אַ טרייסט געפינען,
אין גלי פון בלוי און גאָלד אויף גליִען פייכטע אויגן.

ניטאָ נאָך אַזאַ קראַפט, וואָס הייבן קען געמיטער,
ווי אַ העלער מאָרגן, וואָס קומט מיט בלויע טריט.
טיף אין האַרץ אַ סטרונע טוט דאָרט שטיל אַ ציטער,
און אין בלוט צום לעבן גייט־אויף צעברויזט אַ ליד.

פיר מיך, גאָט דו ליבער, אין וווּנדערלאַנד פון שיינקייט:
דאָרטן בליִען ליבשאַפט, פרידן, רו און פרייד,
בלומען, זון און שטערן — פּראַכט און חן און ריינקייט.
אָ, שמיד מיך איין, באַשעפער, אין דיין גאָלדן קייט.

מ אַ י

מיר תפילהן און טרוימען פון מאַי,
מיר זינגען זיין כישוף אין לידער:
דאָס לעבן ווערט פריש און ווערט ניי,
ווי נאָר ער קומט צו אונדז ווידער.

דאָס פעלד און דער גאָרטן פאַרזייט
די בינען צעפלאַטערט, אין זשומען;
די זון קומט מיט גליַיקער פרייד,
די ערד — אַ צעברויזטע מיט בלומען.

אַ געטלעכע ליבשאַפט אין לופט,
די טויבן — צעוואָרקעט אויף דעכער;
דער ווינט קומט פאַרשיכורט פון דופט,
דער פויגל טרעלט פרייער און העכער.

פילסט פרידן און פרייד אומעטום,
די ביימער צעברויזט מיט געזאַנגען;
עס לאַקט און עס רופט דער אַרום,
די וועלט, ווי אין כישוף געפאַנגען.

— — — — — — — — — — — —

ס׳איז אַלץ אַזוי וווּנדערלעך ניי,
נאָר מענטש ווערט אין מאַי ניט קיין נייער;
זיין האַרץ ווערט פון שנאה ניט פריי,
און אַליין אויך ער ווערט ניט אַ פרייער...

דער דינער פּאָדעם

וויפיל שיינקייטן פון לעבן,
וויפיל פּראַכטן פון דער וועלט,
הענגען אויף אַ דינעם פּאָדעם
אַלע נאַכט אין מיין געצעלט.

און דער פּאָדעם, ווי אַ סטרונע,
ציטערט אין גערויש פון ווינט;
און די נאַכט פאַרנעמט אַ ניגון
פון אַ מאַמע צו איר קינד.

און די נאַכט אויך הערט אַ מעשה,
און אַ ליבער מלאך וואַכט;
און פון אַ שוואַרצער — ווערט אַ ווייסע,
אַ לויטער-ליכטיקע די נאַכט.

פּלאַצט און פאַלט דער דינער פּאָדעם,
און ס'ווערט פון חלום ווידער וואָר,
און די שיינקייטן פון לעבן
פאַלן, זינקען טיף, ביז גאָר...

ק ה ל ת

„הבל הבלים, אמר קהלת, הכל הבל"

דו ווייסט, ווי דו הייסט,
דו ווייסט, ווו דו גייסט,
און, פלוצלונג, דו ווייסט ניט קיין זאַך.
געאַקערט, געזייט,
געשניטן מיט פרייד,
און, פלוצלונג, דו האָסט ניט קיין דאַך.

דער וועג איז דיר קלאָר,
דיין טרוים ווערט אַ וואָר,
דיר ווינקט שוין פון ווייט אַ געצעלט.
און, פלוצלונג — אַ וואַנט,
אַ רוצחישע האַנט,
און דער וועג איז פאַרצוימט און פאַרשטעלט.

די זון קומט און שיינט —
שיין וועט זיין היינט —
דו גלויב נאָר, און וואַרט נאָר, און האָף.
און, פלוצלונג, דיין ליד,
ווי אַ פויגל, ווערט מיד,
און עס קומט צו דיין זינגען אַ סוף.

איז אפשר גערעכט
דער יונג אין די נעכט,
וועמען ליב איז אויך איין חיי־שעה:
אויב היינט איז דאָ וויין —
ניט געטראַכט וואָס ס׳וועט זיין,
און ער טרינקט אוים דעם וויין ביזן דנאָ.

ניט דער פויגל איז דער עיקר

ניט דער פויגל איז דער עיקר, נאָר זיין ליד —
עס ברענגט אַן אָנזאָג: באַלד די זון וועט זיין צעגליט;
עס ברענגט אַן אָנזאָג: באַלד אַוועק וועט זיין די נאַכט,
און אין האַרצן טיף אַ תפילה שטיל דערוואַכט.

ניט די בלום איז גאָר דער עיקר, נאָר איר דופט,
וואָס עס שפּרייט זיך אין די רוימען, און עס רופט,
און עס וואַקסט אין האַרץ אַ ווילן, און אַ דראַנג,
און איז, פון ווונדער פון דעם לעבן דאָס געזאַנג.

ניט דאָס האַרץ איז גאָר דער עיקר, נאָר זיין פלאַם,
וואָס עס צינדט אַ וועלט, ווי שטורעם אויפן ים,
וואָס עס פייערט אויף נשמות — קאַלט און גרוי,
און עס פאַרבט דעם בוראס וועלט אין גאָלד און בלוי.

ניט דאָס אויג איז גאָר דער עיקר, נאָר זיין בליק,
וואָס עס זייט, מיט בונטע שטראַלן, פרייד און גליק,
וואָס עס הייבט, צו אַלע הויכן, דעם געמיט,
און איז דער פונק, וואָס צינדט דאָס פייער אין מיין ליד.

אין מיין האַרצן וווינט אַ פויגל

אין מיין האַרצן וווינט אַ פויגל,
זינגט ער שטיל און טרוימט.
טרוימט פון זונשיין, בערג און טאָלן,
רחבות — ניט געצוימט.

שטעלט זיך ווען אַ טאָג אַ בלויער,
ווערט פון טרוים אַ ליד.
שפּרייטן אויס זיך וואָלקנס גרויע,
זינגט ער שטיל און מיד.

— — — — — — — — — —

אין מיין האַרצן וווינט אַ פויגל,
איז זיין נעסט פאַרמאַכט
ניט מע הערט די זון־געזאַנגען,
ניט זיין ליד פון נאַכט.

וועט די טיר זיך ווען צעפּראַלן,
פון פויגלס טרוים־געצעלט,
טרינקען וועט די ערד דעם ניגון
פון אַ וווּנדער־וועלט.

ד אָ ס װ אָ ר ט

דאָס װאָרט איז, װי דער הימל, בלױ,
און גלעט, און הײבט הױך דעם געמיט;
דאָס װאָרט איז, װי די כמאַרע, גרױ,
און, װי די זאַנגען, נאָכן שניט.

דאָס װאָרט איז לױטער, װי די טױב,
און װײס, און װײך, װי נאַכטיק שנײ;
דאָס װאָרט איז שװאַרץ, װי ערד, װי שטױב,
און װי די קראָ, אין איר געשרײ.

דאָס װאָרט איז ליד פון מאַי און ברױט,
פון פרײד און רו, פון קינד און הײם;
דאָס װאָרט איז פעלדער ניט־פאַרזײט,
און טרוקן קװאַל, און רױך און לײם.

אַזױ, אין װאָרט, איז אָפּגעשפּאַרט
אי נאַכט, װאָס שרעקט, אי זון, װאָס גליט.
אַ גיב מיר, גאָט, דאָס העלע װאָרט,
פאַר װעלט־געזאַנג, פאַר מענטשן־ליד.

מיין ניט

מיין ניט, אַלע גאַסן זענען פינצטערע און קרומע,
ווען דו פּאַלסט איבער שטיינער ביי אַ ראַג;
מיין ניט, אַלע פייגל זענען טרויעריק און שטומע,
ווען עס וועקט ניט אַ געזאַנג דיך אויף פּאַר טאָג.

מיין ניט, אַז דער טאָג וועט בלייבן שוין אַ גרויער,
ווען העלער זון עס דעקט אַ וואָלקן צו;
מיין ניט, אַלע קלאַנגען זענען דיסקאָרדן און זויער,
ווען אַ קראָ־געשריי דיר שטערט אַ מאָל די רו.

ניט די קרומע גאַסן, ניט די שטיינער ביי די ראָגן,
נאָר די אויגן, וואָס דו האַלטסט זיי שטייף פאַרמאַכט;
ניט די שטומע פויגל, ניט די כמאַריקע פאַרטאָגן,
נאָר דאָס האַרץ, וואָס איז פאַראַנקערט אין דער נאַכט.

די וועלט פאַרמאָגט אי תהומען, אי שטערן שיין און ליכטיק;
די וועלט פאַרמאָגט אי ווילדגראָז, אי צויבער־פּרעכטיק צוויט.
מיט האַרץ און אויגן אָפן, ווערן שטיינער אויכעט וויכטיק,
און מע הערט פון שטומען פויגל אויך אַ ליד.

גאָט האָט מיר געגעבן

גאָט האָט מיר געגעבן טרערן,
און געזאָגט מיר: גיי און וויין!
האָט פאַרלאָשן זיך אַ שטערן —
וויין איך, וואָס איך בין אַליין.

וואַנדער איך אויף גאַס און וועגן,
מיט אַ האַרץ פאַרטרערט און שווער.
קומט מיר קיינער ניט אַנטקעגן.
ווישט ניט קיינער אָפּ מיין טרער.

גאָט האָט מיר געגעבן לידער,
און געזאָגט מיר: גיי און זינג!
גיי איך און איך זינג צו ברידער,
זינג איך מיט אַ קול, וואָס קלינגט!

זינג פון אַלץ, וואָס גוט און ליב:
פרידן, רו, און גליק, און פרייד.
און מיין האַרץ איז שטענדיק טריב,
אַ שאָטן שטענדיק מיך באַגלייט.

ווינט און געוויטער

ווי גוט וואָלט זיין

ווי גוט וואָלט זיין, ווען די לידער,
וואָס עס זינגט אַרוים מיין האַרץ,
וואָלטן ניט געטריפט מיט טרויער,
וואָלטן ניט געפאַרבט זיין שוואַרץ.

ווי גוט וואָלט זיין, ווען די סטראָפן,
וואָס עס וואַרעמט אוים מיין בלוט,
וואָלטן ניט געשטראָמט מיט ווייען,
וואָלטן ניט געברענט ווי גלוט.

אָ, ווי נעמט מען, גאָט דו ליבער,
יענע אויסגעבענקטע שעה,
וואָס פאַרמאָגט ניט קיין געוויינען,
און ווען פיין איז גאָר ניטאָ.

ווען, ווי זונען, לייכטן הערצער,
און, ווי שטערן — דער געמיט.
און די ערד טרינקט פרייד און פרידן,
און ס'איז די גאַנצע וועלט איין ליד.

מיט געלייטערטן טרויער

ווי דאָס טייכל, וואָס פליסט איבער זאַמדן און שטיינער,
און קומט אָן, אין ים דאָרט, געלייטערט און ריינער,
אַזוי ווערט, דורך נאַכטיקן פיינלעכן דויער,
געלייטערט דאָס טריפנדיק ליכט פון מיין טרויער.

זיץ איך אין נאַכטיקע שאָטנס פאַרזונקען.
צעטליִען זיך ערגעץ פאַרלאָשענע פונקען,
צינדן אָן שטערן פאַרוואָלקנטן הימל —
מאַך איך די אויגן צו, טרוים איך און דרימל.

גייט אויף אין בלוטן, אָן ווערטער, אַ ניגון,
זינגען שטיל מאַמעס ביי קינדערשע וויגן;
הייבט זיך די שווערקייט פון נאַכטיקן דויער,
באַגרים איך דער זון מיט געלייטערטן טרויער.

„זוניקע ברילן"

דו קוקסט אויפֿן לעבן דורך „זוניקע ברילן":
דו נאַרסט ניט נאָר יענעם, דו נאַרסט זיך אַליין.
זעסט שטערן אין כמאַרעס, זעסט בלומען אין ווילדגראָז,
דו זעסט ווי עס לאַכט אויך אַ קינד אין געוויין.

עס ווערן פּאַלאַצן פֿון פֿינצטערע קעלערס,
און עס ווערט פֿון אַ וויכער אַ פֿאַרחלומטער ווינט.
דו קוקסט און פֿאַרגעסט, אַז די זוניקע שטראַלן,
זיי קענען, אָן רחמים, אויך מאַכן דיך בלינד.

דאָך גוט איז צו קוקן דורך זוניקע ברילן.
פֿון די שאָטנס פֿון לעבן ביסט קראַנק שוין און מיד.
גוט איז, אין חלום כאָטש, זען פּיראַמידן,
אין טרוים כאָטש צו הערן דאָס געזאַנג פֿון אַ קינד.

ניט פֿאַרשטום אין מיר די לידער

איך האָב געהערט דעם ליבן קלאַנג,
פֿון אַ פֿייגעלע אַ נייער —
וועט איר מזל זײַן געפֿאַנג?
צי אַ זינגערל אַ פֿרייער?

איך האָב געזען אַ פֿעלד געזייט,
אין אַ העל געזאַנג פֿון כאָרן —
וועט דאָרט ווילדגראָז זײַן פֿאַרשפּרייט?
וועט דאָרט אויפֿגיין ווייץ און קאָרן?

איך האָב געהערט דאָס העל געשריי
פֿון אַ קינד נאָר וואָס געקומען —
וועט זײַן מזל זײַן נאָר ווײ,
אָדער שטערן, זון און בלומען?

גאָט, ווי אומעטיק עס ווערט,
ווי שווער עס ווערן מײַנע גלידער —
וואָס מיר זאָל ניט זײַן באַשערט,
ניט פֿאַרשטום אין מיר די לידער!

כ אָ ר ן

אַ מאָל ווערט צעוואַרעמט דאָס האַרץ פון כאָרן,
און אַ מאָל פון כאָרן ווערט שווער דאָס געמיט.
אַ מאָל — ווערסט צעפליגלט — אַ וועלט ניי־געבאָרן,
און אַ מאָל בלייבסטו שטיין, ווי מיט בליי אין די טריט.

גוט איז צו הערן די כאָרן־געזאַנגען,
וואָס צינדן אָן פונקען אין גאַס און אין שטוב;
וואָס נעמען געמיטער און הערצער געפאַנגען,
און ברענגען אַ שטראַל אויך אין קעלער און גרוב.

גוט איז צו הערן די זוניקע כאָרן,
וואָס זינגען פון פרידן, פון פריינדשאַפט און פרייד:
זיי לייגן אַ בריק צווישן פאַלמע און דאָרן
און וואַרעמען הערצער, אין ווייַ און אין לייד.

שווער, אָבער, שווער איז צו הערן די כאָרן,
וואָס זינגען מיט קנאה און שנאה אין האַרץ:
עס שמעלצן זיך זונען, עס לעשן זיך שטערן,
און אַלץ, וואָס איז לויטער, ווערט פינצטער און שוואַרץ.

שווער, אַ ווי שווער, איז צו הערן די כאָרן,
וואָס זינגען און שרייען, ווי פייגל פון רויב:
עס וויכערן ווינטן מיט חיהשן צאָרן,
און סמען די בלומען — שוין בעסער זיין טויב.

אַ רעגן־טראָפּן

איין מאָל, און דאָס האַרץ אין מיר געווען איז אין אַ קלעם,
האָט אַ פֿאַל געטאָן אַ רעגן־טראָפּן פּלוצלונג אויף מיין ברעם.

און וווּנדער איבער וווּנדער, ס'האָט גלייך די גאַנצע וועלט,
ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ, אין פֿאַרבן זיך צעהעלט:

אַ טאָל מיט גרינע גראָזן, האָט ברייט זיך אויסגעשפּרייט,
געוויייעט אין דעם ווינט; אַ זון — פֿון גאָלד און רויט;

אַ לאָנקע פֿול מיט לעמער, און, ווי סאַמעט, גרין און ווייך,
האָט געבאָדן זיך אין לידער פֿון פֿייגל אין דער הויך;

אַ גאָרטן האָט צעבליט זיך און, אין שאָטן פֿון אָרום,
האָט אַ מערעלע געפֿלירטעט מיט אַ לויטער־ווייסע בלום;

אַ סאָד מיטביימער פּרעכטיקע, געשיקט האָט אין דער לופֿט,
פֿון קאַרשן, און פֿון עפּל, און פֿון באַרעלער, דעם דופֿט;

און ערגעץ האָט צעעכאָט זיך אין ווינט פֿון פֿרייד אַ קלאַנג,
צעטרייסלט האָט די לופֿט אָרום פֿון שניטערס אַ געזאַנג.

און וווּנדער איבער וווּנדער: איין טראָפּן אויף מיין ברעם,
און מיין האַרץ האָט זיך צעזונגען און אָרוים פֿון שווערן קלעם.

פון דאָס וואָס ניטאָ

היינט ווילט זיך מיר זינגען פון פרייד און פון גליק,
פון שיינקייט, און גוטסקייט, און פרידן;
פון ליכטיקע שטראַלן אין יעדערנס בליק,
פון ליבשאַפט, וואָס בלוטן מאַכט זיידן.

היינט ווילט זיך מיר זינגען פון עכאָס אין ווינט,
פון קייטן און צעלן, וואָס קראַכן;
פון שטיפעריש זאָרגלאָזן, זוניקן קינד,
פון מאַמעס, וואָס זינגען און לאַכן.

היינט ווילט זיך מיר זינגען פון פעלד און פון בייט,
פון זאַנגען, פון גאַרבן, פון שניטערס;
פון פריידיקע היימען, פון שפע אין ברויט,
פון אַ וועלט אָן וועכטער, אָן היטערס.

היינט ווילט זיך מיר זינגען, אין ליכטיקער שעה,
צוזאַמען מיט זון און מיט שטערן;
היינט ווילט זיך מיר זינגען פון דאָס וואָס ניטאָ —
מיין ליד ווערט פאַרוואַנדלט אין טרערן...

משפט אים ניט

דעם, וואָס קלאָגט ניט, דעם, וואָס וויינט ניט,
דעם, וואָס זינגט נאָר מיט די שטערן —
משפט אים ניט! ווייל דאָס מיינט ניט,
אַז ער ווייס ניט פון קיין טרערן.

אין געזאַנג פון פרייד און לעבן,
וויינט דאָס האַרץ אַ מאָל נאָך טיפער.
אַ מאָל אין בלויע זיידגעוועבן,
גרייכט דאָרט פיין דעם העכסטן ציפער.

אַ מאָל אין זוניקן באַגינען,
ווען ס׳ווערט דער הימל בלוי און בלויער,
זוכט דאָס האַרץ אַ טרייסט געפינען,
פון אַ נאַכט אין טיפן טרויער.

אָ, וויפיל ווײ איז דאָ אין לידער!
וויפיל טרערן אין געזאַנגען!
קראַנק פון בענקשאַפט און אַ מידער,
זינגט דער פויגל, ווען געפאַנגען.

וואָס וואָיעט דערווינט

וואָס וואָיעט דער ווינט דאָרט אין קוימען?
וואָס וויינט ער דאָרט ביטער אַזוי? —
ער וויינט אויף פאַרוואָרלאָזטע היימען,
אויף מאַמעס און קינדער אין ווי.

וואָס טרויערט דער טוי אויף די בייטן?
וואָס פאַלט ער מיט טרערן צעשפּרייט? —
ער טרויערט אויף פעלד ניט-פאַרזייטן,
אין בענקשאַפט נאָך זאַנגען און ברויט.

וואָס אומעטיקט זון אין פרימאָרגן?
וואָס צינדט אָן דעם טאָג זי, אָן פרייד? —
ווייל פול זענען הערצער מיט זאָרגן,
ווייל די ערד איבערפול איז מיט לייד.

פאַר וואָס ברויזט ניט אַרום מער מיט לידער?
פאַר וואָס זינגען די שטערן ניט מער?
ווייל עס לעבן ניט מענטשן ווי ברידער,
ווייל האָס ליגט אויף וועלט אַזוי שווער.

ד ע ר פ אַ ר

פון בלומען און שטערן,
און קינדערשע טרערן,
האָט גאָט געמאַכט אונדזער וועלט —
דערפאַר גייען פריידן,
צוזאַמען מיט ליידן,
פיל מאָל אין מענטשנס געצעלט.

פון פויגלשן טרעלן,
און זיפצן פון צעלן,
האָט גאָט געמאַכט אונדזער לופט —
דערפאַר, אין געזאַנגען,
אַ מאָל הערט מען קלאַנגען,
ווי עמעצער כליפּעט און רופט.

פון פרייד און געלעכטער,
און קולות פון שעכטער,
האָט גאָט געמאַכט אונדזער ערד —
דערפאַר זענען אויגן
פון קינדער, וואָס זייגן,
אויך אַ מאָל שטאַר און פאַרטרערט.

פון ליד און נגינה,
און קנאה, און שנאה,
האָט גאָט געמאַכט מענטשן אַליין —
איז פרעג קיין פאַרוואָסן,
וואָס בלוט ווערט פאַרגאָסן,
און ליד גייט מיט שטילן געוויין...

דער זייגער

אויף מיין וואַנט דאָרט הענגט אַ זייגער,
און ער ציילט דאָס די מינוטן:
וויפיל צייט איז נאָך געבליבן,
פאַר די אויסגעברענטע גלוטן?

ווער קען וויסן, ווען ס'וועט פירן
בלינדער וועג צו זיינע ראַנדן?
ווער קען וויסן, ווען די שיף וועט
ענדלעך אָנקומען און לאַנדן?

אָ, דער ביטער־סוד פון לעבן —
ווי אין ווונדן זיך צו רויען...
אפשר אויפן וואַנט דער זייגער
וויים, און ציילט שוין דאָרט די שעהען?

אַ מאָל ווען דער אומעט

אַ מאָל, ווען דער אומעט פֿאַלט שווער אויף מיין האַרץ,
געוויינלעך אין בלויע פֿאַרטאָגן,
ווען אַ חלום אַ העלער מיט נאַכט איז אַוועק
און די איינזאַמקייט הייבט אָן צו נאָגן,

ווען די פֿיינטלעכע בענקשאַפֿט נאָך „נעכטיקע טעג”,
נאָך דאָס, וואָס דו ווייסט, אַז ניטאָ מער,
דריקט אַזוי שטאַרק, אַז דו פֿילסט, ווי דיין האַרץ
וועט אויסברעכן באַלד אין אַ יאָמער —

לאָז איך מיר גיין, מיטן פּנים אין ווינט,
צום כּישוף און וווּנדער פֿון לעבן:
צו שטילע, פֿאַרחלומטעביימער אין וואַלד,
צום טייכל, וואָס רוישט דאָרט דערנעבן.

איך שפּרייט זיך דאָן אויס אויפֿן סאַמעטן גראָז,
ביים טייכל, וואָס רעדט צו די הימלען.
איך פֿיל אַזוי לייכט דאָ, איך פֿיל אַזוי גוט,
נאָר ליגן און ליגן, און דרימלען.

— איך ליג און איך טרוים, און איך בין ניט אַליין —
אַ וועלט איז מיט מיר דאָ צוזאַמען.
עס ריידן די גראָזן, די שטיינדלעך ביים טייך,
די ביימער, די בלעטער, די שטאַמען.

דער מאָרגן ווערט ברייטער. די זון איז שוין הויך.
עס זינגען שוין פייגל אין כאָרן.
איך הער, און מיר דוכט זיך, זיי זינגען צו מיר —
אין האַרץ אַזוי העל איז געוואָרן...

אויף פאַרגעסענע שוועלן

ביים וועג, אויף ביימער זייטיקע,
הענגען עפּל צייטיקע,
פון קיינעם ניט גענומען,
ווי פייגעלעך פאַרטריבענע
פון נעסט, אויף צווייג פאַרבליבענע —
און וויכערם בייזע ברומען.

אין האַרבסט, אויף פעלד פאַרלאָזענעם,
זאַנגען, ווינט-צעבלאָזענע,
ציטערן אויף בייטן.
פלאַטערט אום אַ טרויער-ליד
פון אויג און האַרץ — פון לעבן מיד,
פון קראַטעס, און פון קייטן.

אויף שוועלן — לאַנג פאַרגעסענע,
שאָטנס, דאָרט פאַרזעסענע,
חלומען און שלאָפן.
אין טרוימען — לאַנג צערונענע,
אין בענקשאַפטן פאַרשפּונענע,
אַ האַרץ גייט אוים אין האָפן...

די שטאָט

ווי גרוי און שווער עס ליגט די שטאָט
מיט איר שטויב און אַש, און רויכן!
ס'האָט לאַנג שוין איר פאַרלאָזן גאָט —
ער קוקט אויף איר ניט פון די הויכן.

איך וועל בויען מיין געצעלט,
ערגעץ ווייט פון אַספאַלט-וועגן,
וווּ הימלען זענען ניט פאַרשטעלט,
וווּ עס קומט די זון פאַר טאָג אַנטקעגן.

וווּ פרייד און פרידן שוועבט אין רוים,
וווּ פייגל זינגען אייביק לידער —
איך וועל בויען דאָרט מיין היים,
אַ רו פאַר מידע הערץ און גלידער...

דו

דו ביסט מעכטיקער פון שטורעם,
דו ביסט שטאַרקער פון דעם ווינטער,
דו ביסט פלינקער פון דעם ווינט.
הייבסט זיך העכער פון די הויכן,
לאָזסט זיך טיפער פון די טיפן,
ביסט דער ווונדער־מענטשן־קינד.

ס'איז ניטאָ פאַר דיר קיין צאַמען,
ס'איז ניטאָ פאַר דיר קיין אָפּהאַלט,
עס שטעלט ניט אָפּ דיך קיין פאַרבאָט.
וועלטן זענען פאַר דיר אָפן,
ווייסט די סודות פון דעם קאָסמאָס,
ביסט כמעט אַליין אַ גאָט.

איין סוד איז פון דיר פאַרבאָרגן,
איין זאַך הייבסט ניט אָן צו וויסן:
ווי פאַרמיידן ווייי און פּיין,
ווי פאַרטרייבן קנאה־שנאה,
ווי ניט ווייי טאָן איינם דעם צווייטן,
ווי ניט אַ גאָט — אַ מענטש צו זיין...

אַזוי ווי די גראָזן

קען ווער פֿאַרשטעלן, קען ווער פֿאַרהאַלטן,
דאָס גרעזל, וואָס רייסט זיך דורך שטיינערנע שפּאַלטן ?
עס וויים ניט פֿון קראַטעס, עס וויים ניט פֿון צאַמען,
ווען עס וועקן און רופֿן פֿון לעבן די פֿלאַמען.

קען ווער פֿאַרהאַלטן, קען ווער פֿאַרווערן,
אין מאַיִשע נעכט די צעפֿינקלטע שטערן,
צו ווינקען און זינגען, צעשפּרודלט, אין כאָרן,
ווען פֿרילינג — גאָטס ווונדער — ווערט ווידער געבאָרן ?

קען ווער פֿאַרמיידן, קען ווער פֿאַרהיטן,
דאָס האַרץ, פֿון ניט ברענען אין רוף אין צעגליטן,
וואָס רייסט זיך פֿון לעבן, מיט שטראָמען פֿון פֿייער,
און עס פֿלאַמט ווי צעפֿלאַקערטע זאַנגען אין שייער ?

און איך, פֿון אוממעגלעכע טרוימען געפֿאַנגען,
פֿאַרגליווערט אין חלום פֿון פֿרילינג־געזאַנגען,
ווי עס לעכצט מיין נשמה דעם רוף צו דערהערן,
אַזוי ווי די גראָזן, אַזוי ווי די שטערן!

דיין געשטאַלט

אין אַ נאַכט, אַ מאָל, אָן שטערן:
חושך שפּרייט זיך אין מיין האַרץ.
איך פיל אויף זיך אַ שטיין אַ שווערן,
די גאַנצע וועלט אַרום איז שוואַרץ.

טוט אַ בליאַסק פאַר מיינע אויגן,
דיין צעשפּרודלטע געשטאַלט,
מיט דער פּראַכט פון רעגן-בויגן,
און מיין געמיט ווערט גלייך צעשטראַלט.

איך חלום: כ׳בין אין קאַלטן צפון.
איך זיץ אין מיטן פון אַ ראָד —
וועלף מיט הונגער אָנגעלאָדן —
מיך היט פון שאַרפע ציין דיין גנאָד.

עס איז די גאַנצע וועלט פאַרזונקען
אין אַן אויסגעלאָשן ליכט.
אין מיטן ראָד דאָך ברענען פונקען —
עס איז דיין זון-צעשטראַלט געזיכט.

גוט איז מיר אין ראָד צו זיצן,
מעג די גאַנצע וועלט זיין שוואַרץ.
דיין געשטאַלט טוט מיך באַשיצן,
איז מיר ליכטיק אין מיין האַרץ.

איך בענק אזוי, איך בענק אָן אויפהער,
אַ פאַרלאָרן גליק איך זוך.
דיין געשטאַלט איז מיר אַ ספר —
כ׳וועל קיין מאָל צומאַכן דאָס בוך.

בענקשאַפט

איך האָב די בענקשאַפט פעסט געבונדן
און פון נאָגנדע פאַרלאַנגען,
האָב איך לידער אָנגעצונדן,
און פאַרוואַנדלט אין געזאַנגען.

איז אַ שווערע נאַכט געקומען,
ווידער בענקשאַפט אין די בלוטן.
טרוימען, לידער ווייט פאַרשוווּמען,
און פאַרלאָשענע — די גלוטן.

שניידט דער ווייטאָג טיף און טיפער.
ווערט אַן אַלטע ווּנד צערויעט.
אין שיף אָן מאַסטן, זיצט דער שיפער,
און דער ווינט אַ בייזער וואָיעט.

זיי פאַרבייגיין, זיי פאַרבויגן,
וואָלט איך אַלע אייביקייטן,
פאַר איין בליק פון דיינע אויגן,
פאַר איין שמייכל כאָטש פון ווייטן...

מיין געמיט

צעשפּילט זיך אויף מיין ברעם אַ מאָל אַ שטראַל,
און אַ זון צעוואַרעמט מיין געמיט —
ווערט די גאַנצע וועלט פון פרייד אַ קוואַל,
ווערט אַלץ אַרום איין צעשפּרודלט ליד.

הייב איך אויף מיין האַנט אין אַ סאַלוט.
דאָס לעבן ווערט פון ליכט און פרייד די פּאָן.
צעוואַרעמט זיך, ווי זשאַר, אין מיר דאָס בלוט.
פיל איך, ווי צו קושן, וועמען כ'טרעף נאָר אָן.

נאָר קומט אַ מאָל אַ טאָג אָן, גרוי און שווער
און וואָלקנס דיקע פאַרבן מיין געמיט —
ווערט די גאַנצע וועלט איין הייסע טרער,
ווערט אַלץ אַרום פון וויי און פּיין אַ ליד.

דאָס ניט־דערזאָגטע וואָרט

גיב דאָס ניט־דערזאָגטע וואָרט,
גיב דאָס ניט־דערזונגען ליד. —
אַלץ, וואָס צייט האָט אָפּגעשפּאָרט,
אַלץ, וואָס האַרץ האָט אָפּגעהיט,

אַלץ, וואָס אויג האָט ווען געזען,
אַלץ, וואָס יוגנט האָט פאַרלענדט —
איז אין יענעם וואָרט געווען,
האָט אין יענעם ליד געברענט.

יעדער גלייכער, פרומער גאַנג,
יעדער טאַט, וואָס אָפּגעטאָן,
קומט אַרויף אויף דעם געדאַנק,
שאַרף און קלאָר, ווי אויף אַ פּאָן.

שלאָגט אוים ווען די לעצטע שעה,
שטעלט זיך ווען דער לעצטער טראָט —
אַ פאָרהאַנג דאָן איז מער ניטאָ,
און ס'באַווייזט זיך די געשטאַלט פון גאָט.

לאָז מיך חלומען

דער ווּונדער פון דעם לעבן איז דער חלום,
דער צויבער און דער כישוף איז דער טרוים,
אין חלום שטענדיק קלינגט דער גלאָק פון שלום,
און שטענדיק זינגען פייגל אין דעם רוים.

שטעלט זיך ווען אַ טאָג אַ הימל־בלויער —
קומט די נאַכט און ענגט אויף אים אַ צוים.
אין חלום נאָר איז בלויער טאָג אין דויער.
און עס גליט די זון אויך ביי נאַכט אין טרוים.

ניט שטענדיק אמת, וואָס די וואָר דערציילט דיר.
ווייל אין בעכער ווערט פאַרשטעלט פון שוים.
אין חלום נאָר איז אמת ניט פאַרהוילט דיר —
ס'איז שטענדיק אמת, וואָס דו הערסט אין טרוים.

געבענטשט פון גאָט איז דער, וואָס קען נאָך טרוימען,
אין אַ וועלט פון האָס און יאָך און צוים...
אָ לאָז מיך חלומען פון וועלטן אין די רוימען,
פאַרוויג מיך אין דעם כישוף פון דעם טרוים.

אויב עס וועט מיר זיין באַשערט

אויב עס וועט מיר זיין באַשערט,
אַז מיין וואָרט זאָל זיין געהערט;

אויב עס וועט אַ מאָל מיין ליד,
גרייכן ווי אַ שווער געמיט;

אויב עס וועט אין ווינט מיין קול,
עכאָן אין אַ האַרץ אַ מאָל —

זאָל מיין וואָרט דאַן זיין באַהעלט,
מיט דער שיינקייט פון דער וועלט.

זאָל באַהויכט דאַן זיין מיין ליד,
מיט אַלץ, וואָס אָטעמט פריי און גליט.

זאָל דער עכאָ פון מיין קול,
שטראָמען קלאָר, ווי טייך אין טאָל.

און אויב מיין וואָרט, אויב ס'איז באַשערט,
אים טרינקען זאָל אַ מאָל די ערד,

וועט שוין זיין מיין לעצטער קלאַנג —
זאָל עס זיין דאַן אַ געזאַנג.

פון תהומען און היכן

דערלייזונג

ניט וואַרט אויף דערלייזונג,
ווען הימל ליגט שווער,
ווען האַרץ איז אין טרויער
און אויף וויִעס אַ טרער.

ניט וואַרט אויף דערלייזונג,
אין פאַרשטיקטן געוויין,
ווען עס פאַלן די שטערן,
און זון איז אַ שטיין.

עס ליגט די דערלייזונג
אין אייגענע הענט.
האָסט כוח אין אָרעם
צו אומוואַרפן ווענט.

דו גיי און צינד אָן נאַר
די קנויט פון דער שעה,
און די שעה פון דערלייזונג
קומט אָן און איז דאָ.

זי קומט ניט פון ערגעץ,
זי קומט פון דיין האַרץ,
ווען וויים און ווען לויטער
ווערט אַלץ, וואָס איז שוואַרץ.

ווען לייכט און צעפּליגלט
עס ווערט דיין געמיט,
גייט אויף פון דערלייזונג
דאָס געטלעכע ליד.

דאָס נייע ליד

מעגן זיין ווי נײַ די לידער,
מעג עס זיין ווי נײַ דאָס וואָרט —
ס'איז אַלטע פּיין געקומען ווידער,
אַלטעליידן אָפּגעשפּאָרט.

מעגן זיין ווי נײַ די וועגן,
מעג עס זיין ווי נײַ דער טראָט —
עס איז דאָס אַלטע זוכן־פרעגן
עס איז דער אַלטער קריג מיט גאָט.

אַז מע אָטעמט אַש און רויכן,
אַז ס'ברענט אין בלוט פון האַס אַ פלאַם —
בלײַבט אויף שטענדיק שוין אַ צייכן.
שווער צו אָפּווישן דעם סם.

עס וועט די וווּנד זיך נאָר פאַרהיילן,
ווען ס'וועט מער ניט ווילדגראָז זיין אין שניט,
און ס'וועט מענטש אויף פריינד און פיינט ניט טיילן —
וועט אויפגיין דאַן דאָס נייע ליד...

פאַראַן אַזאַ לאַנד

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַזאַ וווּנדער־מדינה,
ווּ עס ווערן פון טרערן דאָרט לידער;
עס טראָגט דאָרטן קיינער אויף קיינעם קיין שנאה,
עס לעבן דאָרט מענטשן ווי ברידער.

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַזאַ צויבער־מדינה,
ווּ עס ווערן פון זיפצן געזאַנגען;
דער טאָג איז דאָרט אייביק אַ ליכטיקע בינע,
די נאַכט — פול מיט פריידיקע קלאַנגען.

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַ געבענטשטע מדינה,
ווּ עס ווערט דאָרט פון טרויער אַ ניגון;
עס רוט אין דעם לאַנד דאָרט אויף יעדן די שכינה,
עס זינגען דאָרט קינדער אין וויגן.

ווי הייסט אָט דאָס לאַנד? — מיין גאָט, ס'איז אַ חלום:
עס ווערן פון טרערן קיין לידער;
עס מאַכט ניט אַ זיפץ מיט געזאַנגען קיין שלום,
און עס לעבן ניט מענטשן ווי ברידער.

אין מיין גאָרטן וואַקסן בלומען

אין מיין גאָרטן וואַקסן בלומען:
ווייסע, רויטע, געלע.
הייבן בינען אָן צו זשומען,
און ס׳קומט אַ זון אַ העלע.

צעברויזן זיי זיך אין קאָלירן,
ס׳פאַרכאַפּט דאָס אויג אַזש דאָרטן,
און מיט זעליקייט באַצירן
האַרץ, און אויג, און גאָרטן.

— — — — — — — — — — — —

אין מיין לאַנד דאָרט לעבן מענטשן:
ווייסע, רויטע, געלע.
טוט דער הימל זיי נאָר בענטשן
מיט אַ זון אַ העלע.

הייבן זיי זיך אָן צו רייסן:
יעדער וויל די שטראַלן,
גרייט צו אָנפאַלן און בייסן,
ווי אין וואַלד שאַקאַלן.

עכאָס

עס עכאָן פון ערגעץ געזאַנגען פון קינדער,
צום טאַקט און צום ריטעם פון יוגנט און גליק.
זיי זינגען מיט האָפן פון שאָף און פון רינדער,
פון „זילבערנעם טייכל", און „גאָלדענער בריק".

און עס עכאָן פון ערגעץ געזאַנגען פון צעלן,
צום טאַקט און צום ריטעם פון קייט און פון שלאָס.
דאָרט זינגט מען פון זונשיין, וואָס גראַטעם פאַרשטעלן,
פון לעבן אין פענטעס, און האָס אָן אַ מאָס...

עס עכאָן פון ערגעץ געזאַנגען פון כאָרן,
צום טאַקט און צום ריטעם פון פויקיקע טריט.
זיי זינגען פון היים, און פון פעלד, און פון קאָרן,
מיט אויגן צעפינקלט און הערצער צעגליט.

און עס עכאָט פון ערגעץ געזאַנג פון טראַנשייען,
פון מענטשן, וואָס ליגן אין שמוץ און אין ווייַ.
זיי זינגען און זוכן, ווו טויט צו פאַרזייען,
ערגעץ פאַר מענטשן, אין גריבער, ווי זיי.

אַזוי עכאָן אָפּ אין מיין האַרצן געזאַנגען
פון אויפלעב און אומקום, און ס'גיט מיר קיין רו:
דאָס זענען דאָך עכאָס פון מענטשלעכע קלאַנגען,
דאָס זינגען דאָך ברידער, ווי איך און ווי דו...

ווען עס ציִען זיך די שעהען

אַ מאָל, דו פילסט, ווי טיף אין הארצן,
בליט און נאָדלט זיך אַ דאָרן.
פילסט, ווי, אין אַ תהום אַ שווארצן,
ביסט פאַראַנקערט און פאַרלאָרן.

און דער ווינט פאַרנעמט אַ וואָיען,
אַ געוויין פון הייסע בלוטן.
און עס ציִען זיך די שעהען,
און עס שלעפּן זיך מינוטן.

אָ, ווי נעמט מען דאַן די קוואַלן,
ווי דו קענסט דעם אָטעם קילן,
ווי דאָס וואָיען און דאָס שאַלן
פון צעפלאַמטע בלוטן שטילן.

אָ, ווי נעמט מען, גאָט דו ליבער,
יענעם ליכטיקן באַגינען:
ווען אַ שטראַל פאַלט אויך אויף גריבער,
ווען דאָס הארץ קען רו געפינען!

אַלע ווייסע טויבן...

אַלע ווייסע טויבן זענען זיך צעפלויגן,
און קראָען פאַרבן אַלע דעכער שוואַרץ;
אַלע יונגע פאַלמעס שטייען איינגעבויגן,
און בייזע ווינטן ברענען זיי דאָס האַרץ.

אַלע גרויע שאָטנס שפּרייטן זיך אין לעבן,
און גאָלד־און־רויטע זונען פּיינען אין דער שטיל;
אַלע בלויע פייגל אין דער וועלטס געוועבן
פליִען אָן געזאַנגען, אָן אַ צוועק און ציל.

עס לעכצט די ערד נאָך זוניקע פאַרטאָגן.
עס בענקט די וועלט נאָך פרייען פויגל־טרעל.
אָ, ווען וועט מענטש זיך אַ הויב טאָן און פאַריאָגן
די אויסגעשפּרייטע שאָטנס, וואָס חושכן זיין זעל?...

ווען דער ים ווערט צערייצט

פּאַשען זיך רינדער, און לעמער, און שאָף,
ליגט ביי דעם פייער דער פּאַסטעך און שלאָפט,
קומען פון ערגעץ אַן וועלף.
רייסט איבער, אין פּאַשע, די זאָרגלאָזע רו,
אַ וווייפולער מעקען, אַ פיינלעכער מו —
די שטומע געשרייען פון „העלף".

כאַפּט זיך דער פּאַסטעך ביים פייער דאָרט אויף,
ווערט פון די וועלף אויף דער גיך אַ צעלויף.
צו שפּעט שוין, אַ פּאַסטעך, צו שפּעט...
די פּאַשע, די גרינע, געפאַרבט איז אויף רויט;
קיין מו און קיין מעקען — דער ווינט נאָר פאַרשפּרייט
אַ לעצטן, פאַרשטומטן געבעט.

הוליעט דער היטער און שיכורט אין שטאָט,
לאָזט ער דעם גאָרטן אויף הימלס באַראָט,
קומט אָן דאָס ווילדגראָז און צעהוליעט זיך אויך.
טראָגט זיך, פון גאָרטן, אַ שטילער געוויין,
פון יאַסמין און רויזן, פון גרויס און פון קליין,
פון גרעזעלעך סאַמעט און ווייך.

קומט אָן דער היטער אין גאָרטן צוריק,
ליגט ווילדגראָז שוין דאָרט אַזוי ברייט, אַזוי דיק —
פאַרנומען שוין אַלץ דאָרט אַרום.

צו שפּעט שוין דער היטער געקומען פון שטאָט,
מ׳וועט מוזן צעגראָבן דעם גאַנצן בּאַראָט,
אי ווילדגראָז, אי גרעזל, אי בלום.

— — — — — — — — — — — — — —

ווען געמיט הייבט אָן פאַלן, און אָטעם ווערט שווער,
עס לעשט זיך דער שטערן, עס טריקנט די טרער,
טוט אַ הייב זיך דער ים, און פאַרפלייצט
אַלץ מיט אַן אַנדער, און אויבעט, גאַנץ אָפט,
דעם היטער, וואָס היט ניט, דעם פאַסטעך, וואָס שלאָפט,
ווען דער מעכטיקער ים ווערט צערייצט...

ווער עס וואַנדערט אין וונדער...

ווער עס וואַנדערט אין וונדער אויף רייכע בולוואַרן,
און גאַפט אויף דער ברייטקייט און רחבות פון שטאָט,
איך וואַנדער אום איבער גאַסן וואָס דאַרן,
ווו אָרעמקייט עכאָט מיט יעטוועדן טראָט.

ווער עס שטייט, ווי פאַרכישופט, פאַר פּראַכטפולע שטיבער,
וואָס הייבן מיט שטאָלץ זיך אין הימל דאָרט הויך,
איך שטיי געשמידט צו די הייזער ווי גריבער,
ווו מע לעבט דאָרט אין ענגשאַפט, אין שטויב, און אין רויך.

ווען נאַכטיקער יום-טוב עס לאָקט און ס׳געפעלן
דאָס זינגען און הוליען, אָן אַ מאָס, אָן אַ שיעור,
איך הער געזאַנגען און סקריפּען פון שוועלן,
אין פענצטער אָן שויבן, אין צעבראָכענער טיר.

ווען ס׳ציט צו געזיכטער, וואָס אייביק צופרידן,
צו אויגן, וואָס שיינען פון פרייד און פון גליק,
מיך ציט צו אויגן, וואָס זשאַרען און זידן,
פון אַנגסטן און וויי, און עס ברענט זייער בליק...

עס ווילט זיך מיר זינגען

עס ווילט זיך מיר זינגען
אַ ליד, וואָס זאָל קלינגען,
ווי גלאָק אויף דעם טורעם,
וואָס וועקט און וואָס רופט.

עס ווילט זיך מיר זאָגן
אַ וואָרט, וואָס זאָל טראָגן
אַ פונק, וואָס זאָל צינדן,
און ברענען די לופט.

עס ווילט זיך מיר ריידן
פון מענטשלעכעליידן,
פון קעלערס, פון ענגשאַפט,
פון ביטערער נויט.

פון שפּאַן און פון יאָכן,
פון היימען צעבראָכן,
פון מענטש, וואָס ער שמידט
פּענטע און קייט.

נאָר וועט מען מיך הערן
מיט פרייד און באַגערן
און עפענען וואָרעם
און ברייט מיר די טיר?

און אפשר פאַרלאַנגען,
עס זאָלן גיין די געזאַנגען
אויף וועלדער אויף פוסטע
צוזאַמען מיט מיר?

מיך אַרט ניט, איך וויס נאָר,
ווי שווער און ווי גרויס נאָר
די עוולות פון מענטש,
וואָס ער טוט זיך אַליין.

זיין צינדן האַס-פלאַמען
אין פעלקער און שטאַמען,
און וואַרפן אין אייגענעם
פענצטער אַ שטיין...

איך וואָלט ניט געמאָלן,
די בערג און די טאָלן
פון קנאה און שנאה,
און אומרעכט פון דור.

איך וואָלט ניט געשריגן —
כ׳וואָלט בעסער אַ ניגון
אַ הייב טאָן פון האַרצן,
און לויטער און קלאָר.

איך שריי, ווייל ס׳גייט אָן מיר
דער קינדערשער יאָמער,

די מאַמעס געוויינען,
און הונגער, און נויט.

כ׳וויל אָפּראַמען שנאה
פון דער מענטשלעכער בינע,
כ׳וויל ברענגען פאַר אַלעמען,
פרידן און פרייד.

ש ו ו ע ל ן

קאַלט און גליטשיק ליגן שוועלן
ניט אַרויף און ניט אַראָפּ.
פּרוּווט ווער דאָרט אַ פוס צו שטעלן,
ברעכט ער הענט, און פיס, און קאָפּ.

טאָג און נאַכט, דאָך גאַנצע רייען
זוכן אויסגעבענקטן גליק...
און די שוועלן ברענגען ווייען,
טרייבן יעדערן צוריק.

איינגעשרומפן, איינגעבויגן,
בלענדן ווייסע טויבן-קעפּ.
צינדן אָן זיך מידע אויגן —
ברענען גליטשנדיקע טרעפּ...

ווערטער

קומען זיך ווערטער צוזאַמען,
ווי פריינד, ווי חברים, ווי ברידער —
ווערט פון די ווערטער דאַן פלאַמען,
די פלאַמען — פאַרוואַנדלט אין לידער.

הייבן זיך שווערע געמיטער,
צעשטראַלן זיך פראַסטיקע בליקן;
אַ סטרונע אין האַרץ טוט אַ ציטער —
דאָס מענטשלעכע וואָרט קריגט אַ תיקון.

— — — — — — — — — — — — — —

קומען זיך ווערטער צוזאַמען,
ווי שאָטנס, דאָרט טיף אין דער נידער —
ווערט פון די ווערטער דאַן סמען
און סמען אויך אייגענע ברידער.

שטייען אויף כוחות פון תהומען
און זוכן גאָטס וועלט צו צעברעכן;
זיי טראָגן פון שנאה די זאָמען,
און דאָס מענטשלעכע וואָרט זיי פאַרשוועכן.

נעם זיך ניט איבער

דאָס ליד פון דעם לעבן איז פול מיט דיסקאָרדן,
שווער צו באַנעמען און שווער צו פאַרשטיין:
ליבשאַפט און שנאה, מלחמה און פרידן,
זונשיין און חושך, און פרייד און געוויין.

אַלץ גייט אין פאָרן, אין פאָרן פון לעבן:
עס זינגען די שטערן און עס וואָיעט דער ווינט;
ערגעץ ווו גייט דאָרט אַ טאַנץ אַ פאַרשייטער,
און ערגעץ ווו יאָמערט אין עלנט אַ קינד.

אַזוי גייט דאָס ליד און געזאַנג פון דעם לעבן.
ניט פרעג קיין פאַרוואָס — ס'איז קיין ענטפער ניטאָ.
עס פאָרן זיך שטענדיק געלעכטער מיט טרערן,
דאָס וואָרקען פון טויב מיטן קראַקען פון קראָ.

איז נעם זיך ניט איבער ווען עס קומען אָן פריידן
און עס שטראָמט צו דיר גליק אָן אַ צוים, אָן אַ שטער.
פאַרגעס ניט די פאָרן, די פאָרן פון לעבן,
און גרייט זיי, אין פרייד, אויך אויף פיין און אויף טרער...

גאָטס געשאַנק

גאָט, אין צייט פון בריאת עולם,
האָט אַלע פּראַכטן אָפּגעשפּאָרט,
און מיט זיי האָט ער געשאַפן
דעם גרויסן ווּנדער — אונדזער וואָרט.

דאָס געשאַף איז גאָט געפעלן,
זיך אַליין געזאָגט, אַ דאַנק,
און ער האָט עס צוגעטראָגן
צו דעם מענטש — אַ ליב געשאַנק.

און גאָט האָט צו דעם מענטש געזאָגט:
גיי מיט דעם געשאַנק און שפּרייט,
שפּרייט די שיינקייטן פון פרייהייט,
ריים די העסלעכקייט פון קייט.

טראָג דאָס וואָרט פאַר רעכט און יושר,
אין יעדן איינציקן געצעלט;
רוף צו פריינדשאַפט צווישן פעלקער,
וועק צו פרידן אויף דער וועלט!

און ס'האָט דער מענטש דעם גרויסן ווּנדער,
דעם געשאַנק פון גאָט פאַרשוועכט:
און ער שקרט און ער רודפט,
און ער פייניקט, און ער שעכט...

גיב מיר דעם כוח

גיב מיר דעם כוח צו זאָגן: איך גלייב,
אַז קומען וועט העלער אַ טאָג;
אַז מענטש פונעם מאָרגן וועט זיין אין דערהייב:
אַז שנאה וועט זיין אין פאַריאָג —
גיב מיר דעם כוח צו זאָגן: איך גלייב.

גיב מיר דעם כוח צו זאָגן: איך האָף,
ווען עס רייסט זיך פאַרצווייפלונג אין בלוט;
ווען עס נעמט ניט צו פיין און צו ליידן אַ סוף,
אַז זיין וועט נאָך ליכטיק און גוט —
גיב מיר דעם כוח צו זאָגן: איך האָף.

גיב מיר דעם כוח צו זאָגן: איך וועל
אין שטורעם, געוויטער און דראַנג,
ווען דו קענסט ניט דערקענען דיין אייגענעם שוועל,
דאָך הייבן דעם קול אין געזאַנג —
גיב מיר דעם כוח צו זאָגן: איך וועל.

גיב מיר דעם כוח, אָ גיב מיר דעם מוט,
ווען ס'צעקלונגען זיך וואָלפישע טריט,
צו גיין זיי אַנטקעגן מיט צעצונדענעם בלוט,
מיט האַרץ און מיט אויגן צעגליט —
גיב מיר דעם כוח און מוט.

עס לעכצט מיין נשמה

עס לעכצט מיין נשמה צו זאָגן דאָס וואָרט
אין געזאַנג פון אַ פלאַמיקן ליד,
ווי דער באַרג, וואָס חלומט אין זעליקייט דאָרט
און טיף אין אים פלאַקערט און גליט.

דער פויגל קומט פרי מיט זיין וואָרט צו דער וועלט
אין אַ פריידיק־צעטרעלטן געזאַנג.
און די וועלט הערט זיך צו און, באַווירקט און צעהעלט,
פאַרנעמט פון זיין טרעל יעדן קלאַנג.

די קנאָספּע, באַגינען, צעעפנט די טיר,
ווי עס ווערט נאָר אַ רויטער דער ראַנד
און איך, אַז ס'צעבליט זיך דאָס וואָרט ווען אין מיר,
איז שטענדיק מיין פנים צום וואַנט.

אַ געזאַנג אין מיין האַרץ, און אַ ליד אין מיין בלוט,
און אַ ניגון דאָרט העלט אין מיר טיף —
און עס לעכצט מיין נשמה נאָך אַ וואָרט, וואָס איז גלוט,
נאָך אַ ליד, וואָס ברענט ווי אַ שיף...

לאָמיר פאָלגן דעם רוף *

אָן גרענעץ, אָן אָפּהאַלט, אָן שטער, אָן אַ צוים,
דער ווילדעסטער חלום, דער אוממעגלעכסטער טרוים,
פון דורות, און דורות, ביז גאָר,
איז, איצטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָר.
דער מענטש האָט געשטעלט זיינע טריט, אומגעשטערט,
דאָרט, ווו עס איז אייביק געווען אים פאַרווערט.
דער בורא אַליין האָט געשטוינט און געגאַפּט
אויפן גרויסן טריומף פון זיין ווונדער־באַשאַף.
און אַ רוף איז געקומען פון צעעפנטער וועלט;
איך האָב מער קיין צוימען, פאַרלאָז דיין געצעלט!
פאַרלאָז דיינע אַשן, דיין שטויב און דיין רויך,
און פריי ווי אַן אָדלער, אַ הייב טו זיך הויך!
הויך, אין די הימלען, אין רחבות אָן מאָס,
וווּ עס זינגען די שטערן און פראווען דאָרט חצות.
— — — — — — — — — — — — —

לאָמיר פאָלגן דעם רוף! לאָמיר טאָן זיך אַ הייב!
נאָר ניט צו דעם הימל, וואָס שטום איז און טויב,
נייערט צום הויך, וואָס מיר האָבן אַליין —
צום הויך, וואָס איז ליכטיק, און לויטער, און שיין.
זאָל אונדז זיין אונדזער האַרץ אַ צעעפנטע וועלט,
אַ וועלט מיט ליבשאַפט און פריינדשאַפט צעהעלט,
אַ וועלט, וואָס וויים ניט פון פּיין און פון לייד,
אַ וועלט אין פרידן, אין גליק, און אין פרייד...
צו אָט אַזאַ הויך לאָמיר זינגען אַ לויב!
לאָמיר פאָלגן דעם רוף! לאָמיר טאָן זיך אַ הייב!

* דעם 20סטן יולי 1969 האָבן צוויי אַמעריקאַנער געלאַנדעט אויף דער לבנה.

סאַלוט

(דעם אַרבעטסטאָג־יום־טוב)

צו אַלע וואָס בויען, צו אַלע וואָס שאַפן,
צו אַלע וואָס דרייען דאָס ראָד פון דעם לעבן;
צו אַלע וואָס ברענגען די שיפן אין האַפנס,
צו אַלע וואָס שפינען, צו אַלע וואָס וועבן.

צו אַלע וואָס זייען, צו אַלע וואָס שניידן,
צו אַלע וואָס פירן די גאַרבן אין שייער;
צו אַלע וואָס פראַצעווען, אומרעכטן ליידן,
און צינדן פון רעכט און פון יושר דעם פייער.

צו מענטשן פון אַרבעט, די בויער פון לעבן —
צו שוועסטער און ברידער פון מי און פון שוויים —
צו אַלע וואָס שפינען, צו אַלע וואָס וועבן —
מיר שיקן, ווי ברידער, אַ סאַלוט צו אייך היים.

דער מאַרש

שטאָלענע פיגורן, בראָנזענע געזיכטער.
ברוסטן — הויכע בערגער, אויסגעהאַקט פון שטיין.
ריטמישע סקולפּטורן — אויסגעשניצט פון דיכטער,
און מיט פלאַן געצייכנט נאָר פון גאָט אַליין.

אויגן — הייסע פונקען, אָטעם — פלאַם און פייער.
טריט, ווי שווערע האַמערס אין די הענט פון שמיד.
רייסט פון דיקע ליפּן זיך אַ רוף אַ נייער,
הייבט זיך אין די רוימען אַ צעכוואַליעט ליד.

וויפיל איז דער שיעור צו ראַיען זיך אין ווונדן?
וויפיל איז דער שיעור צו כאַליען בלינדן האַס? —
פרעג דאָס האַרץ קיין פראַגן, ווען עס ווערט געצונדן,
און עס גייט אין רויך אַוועק די אַלטע גאַס.

ווערן די געמיטער העל, מיט זון פאַרצויגן,
ווערן פונקען הייסער — פייער, פלאַם און רויך:
עס וויל דער ריז ניט האַלטן מער זיין קאָפּ געבויגן,
וואַרפט ער זיינע בליקן צו די הימלען הויך.

ווען אַ ליד איז ניט פאַרענדיקט

ווען אַ ליד איז ניט פאַרענדיקט,
ווען אַ וואָרט איז ניט דערזאָגט,
איז דער אומרו שוין אויף שטענדיק,
און אין הארצן נאָגט און נאָגט.

ווײנט אַ בלום אַ ניט־דערבליטע,
און די קנאָספּע איז פאַרמאַכט,
און די זון איז אַ צעגליטע,
לאַנג איז שוין אַוועק די נאַכט.

אַ מאַמע טוט די אויגן ווישן,
בײַ אַ פּוסטער וויג, פאַרקלעמט.
אײַנגעגנורעט אין איר קישן,
אַ כלה כליפּעט טיף פאַרשעמט.

זיצן פײגל אויף די ביימער,
הערט מען ניט פון זיי קיין ליד.
אײַנגעשלאָפן איז דער שומר.
די גאַנצע וועלט איז קראַנק און מיד...

אין איינצל־קאַמער

די צעל איז אין חושך,
די פענצטער פאַרקראַטעט
די טיר איז פאַרהאַמערט — פאַרריגלט.
עס כוואַליען די שעהען,
אָן אָנהייב, אָן ענדע,
דאָס לעבן — פאַרחתמעט, פאַרזיגלט.

עס לעשן זיך פונקען
אין בלוטן געצונדן
פון ליכטיקע שטערן און זונען;
און לויטערע טויבן,
אין שטראַליקע אויגן,
דאָרט ווערן פאַרוועבט און פאַרשפונען.

עס הוליעט די רשעות,
ווי טויזנט טייוואָלים,
און סמט מיט איר אָטעם דעם קאַמער.
אַ שרײַיִקע שטילקייט
הענגט שווער אין דער לופטן,
און פאַלט אויפן האַרץ, ווי אַ האַמער.

עס רייסט זיך אַ קללה,
ווי לאַווע פון קראַטער,

און פלאַמט, ווי צעפּלאַקערטער שייער.
עס ברענט אַ נשמה,
און צינדט ערד און הימל,
און אַליין ווערט פאַרברענט אין דעם פייער...

בלעטער פֿאַלן

אין געפאַנג פון פאַרנאַכטן

איך בין שוין אריבער
די שטיינער און גריבער,
וואָס זענען געווען,
אויף מיין וועג אויסגעשפרייט.

עס רופט מיך, עס ציט מיך,
און עס פירן די טריט מיך
אַהין, אין דעם לאַנד,
ווו די זון דאָרט פאַרגייט.

דער טאָג שוין פאַרגאַנגען.
איצט בין איך געפאַנגען,
אין טונקל, אין אומעטיק
גרויען פאַרנאַכט.

באַלד שוואַרץ ווערט דער הימל,
באַלד פאַלט אָן אַ דרימל;
באַלד מאַכט זיך די טיר צו,
באַלד קומט אָן די נאַכט.

אַ, וויפיל פאַרדראָסן,
פאַרוועלן און פאַרוואָסן,
עס ליגן, ווי בליי
אויף מיין האַרץ און געמיט.

אומזיסט איז דאָס טראַכטן
אין געפאַנג פון פאַרנאַכטן —
דאָס בוך איז ביים סוף שוין,
דאָס לעצטע שוין ליד...

אין שווערע שעהען

כ׳האָב אַן אויסגעזונגען ליד,
אויסגעטראָטן איז דער גאַנג —
קיינער זעט ניט מיינע טריט,
קיינער הערט ניט מיין געזאַנג.

איבער הויף, און דאָרף, אין שטאָט,
איבער פעלד, און באַרג, און טאָל —
דאָרטן שרייט מיין מידער טראָט,
דאָרטן רופט מיין שטומער קול.

נאָר דער וואָלקן קוקט זיך צו,
נאָר דער וויכער הערט זיך איין,
ווי איך זוך אַ ביסל רו,
ווי איך איך באָד זיך אין מיין פּיין.

וואַנדער איך מיט מיין געזאַנג —
אויסגעטראָטן איז דער וועג.
כאַפּן ווינטן אויף דעם קלאַנג,
דאָס געוויין פון שעהען, טעג...

מיינע טרוימען

מיינע טרוימען זענען היילן,
ווו מיין האַרץ קומט זיך באַהאַלטן,
ווי דער הערש אין הויכע גראָזן
פון די יעגערשע געשטאַלטן.

אַלע פריידן פון דעם לעבן
האָט די ערד שוין אויסגעטרונקען —
ליגט זי שיכור, אין געוועבן
פון דער מידקייט איינגעזונקען.

ווייל דאָס האַרץ פון זיך אַנטלויפן,
בענקט דאָס אויג נאָך העלע ראַנדן —
קען מען רו אין ערגעץ קויפן?
קען אַ שיף אָן זעגלען לאַנדן?

היינט ווילט זיך מיר וויינען

היינט ווילט זיך מיר וויינען, איך ווייס ניט פאַר וואָס,
מיין האַרץ איז אַזוי אַנגעלאָדן.
ביז איבער די ברעגן איז פול היינט דער כוס,
איך פיל אונטער זיך ניט דעם באָדן.

איז דאָס, ווייל עס ברענען אי מענטש, אי זיין וועלט
און ניטאָ ווער ס׳זאָל קומען און לעשן?
איז דאָס, ווייל עס ווייען די זאַנגען אין פעלד,
און ניטאָ ווער ס׳זאָל שניידן און דרעשן?

און אפשר, ווייל ס׳קומט מיט אַ יאָמער דער ווינט,
און די ערד איז מיט טרערן אַ זאַטע? —
עס קלאָגט ווי אַ מאַמע, עס כליפּעט אַ קינד,
געפאַלן אַ זון און אַ טאַטע?

היינט ווילט זיך מיר וויינען, איך ווייס ניט פאַר וואָס,
איך ווייס ניט פון וואַנען די טרערן.
קען זיין גאָר, ווייל מענטש איז טויב אָן אַ מאָס,
און הערט ניט ס׳געזאַנג פון די שטערן.

דער אַלטער זייגער

ערגעץ שטילער קלאַפּן הערצער
ערגעץ קילן זיך די בלוטן —
אויפן וואַנט דער אַלטער זייגער
ציילט די שעהען און מינוטן.

ערגעץ שמעלצן זיך די קנויטן,
ערגעץ גייען אוים די גלוטן —
אויפן וואַנט דער אַלטער זייגער
ציילט די שעהען און מינוטן.

נעכטן האָט געברענט דער הימל,
און די ערד מיט אים צוזאַמען;
נעכטן האָט דער ווינט געהוליעט,
און צעזשאַרעט פונק אין פלאַמען.

היינט: אין אַש שוין ליגן פונקען,
זוכן זיך צעטליִען ווידער.
וויפיל ניט פאַרענדיקט פריידן,
וויפיל ניט דערזונגען לידער!

ערגעץ בלאַסן העלע טרוימען,
ערגעץ לעשט זיך פלאַם אין בלוטן —
אויפן וואַנט, דער אַלטער זייגער
ציילט די שעהען און מינוטן.

אין דעמער

איך וואַנדער אום אין דעמער פון דער צייט.
הינטער מיר איז זוניקער באַגינען.
פאָרויס קוקט בייז, אַ ראַנד דאָרט פון דער ווייט,
און ס׳הייבן אָן די קוואַלן אויסצורינען.

אַ מאָל בליט אויף אַ גאָלדענער קאַיאָר,
עס קומען שטראַלן פריידיק זיך צוזאַמען.
דער לעצטער טאַנץ, דאָס לעצטע ליד און — גאָר,
און באַלד וועט אַלץ פאַרגיין אין העלע פלאַמען.

אַ מאָל דער כוס הייבט פלוצלונג אָן צו שוימען:
אַ רויטע זון פלאַמט אויף אין לעצטער שעה.
גוט איז צו פאַרגעסן אַלץ און טרוימען,
און טרינקען פון דעם כוס דאַן ביזן דנאָ...

חלום פון טריט

אין העלן באַגינען, ווען זון קומט אַרויס,
אין טונקלען פאַרנאַכט, ווען ס'לעשט זיך די וואָר,
אַ טויב קומט און קלאַפּט אין אַ שויב פון מיין הויז,
אַ טויב, ווי אַ שטראַל, אַזוי לויטער און קלאָר.

צעעפן איך ברייטער מיין אָפענע טיר,
וואַרף איך אַ בליק אויף מיין ליידיקער שוועל:
ווער ווייס, אפשר ענדלעך היינט קומט ווער צו מיר...
און טיף אין מיין האַרצן ווערט ליכטיק און העל.

זע איך אין אַנגסטן; ס'איז קיינער ניטאָ,
ס'איז קיינער געווען דאָ — קיין סימן פון טריט.
און איך זיץ שוין ווידער אַ שעה נאָך אַ שעה,
אין חושכן אומעט מיט שווערן געמיט.

אַזוי אין באַגינען, ווען זון קומט אַרויס,
אַזוי אין פאַרנאַכט, אין געוויין פון מיין זעל,
אַ טויב קומט און קלאַפּט אין אַ שויב פון מיין הויז,
און ס'צעבליט זיך אַ חלום פון טריט אויף מיין שוועל...

איך און דער שיכור

איך בין ווי דער שיכור, וואָס טרינקט אָן א מאָס,
ווען אים שניידן פון גורל די ריטער.
ער לויפט פון זיין פיין צום שוימיקן כוס,
און די וועלט אַרום אים ווערט צעגליטער.

דער רינשטאָק א פּאַלאַץ ווערט, פּרעכטיק און ברייט,
מיט ווייכע און פּרינצלעכע בעטן.
און פול ווערט זיין האַרץ אים מיט פרידן און פרייד —
א פרוי טוט אים צערטלען און גלעטן.

און איך — איך אַנטלויף פון מיין פיין צו דעם טרוים,
צום חלום, צום ליד, און צום דרימל.
איך פלאַטער אַרום, ווי א פויגל אין רוים,
און בוי מיר פּאַלאַצן אין הימל.

דער שיכור און איך, מיר לויפן פון פיין,
פון אומרו און שווערע געמיטער:
דער שיכור — צום כישוף פון שוימיקן וויין,
און איך — צו מיין טרוים, צו די לידער.

לאָז מיך טרינקען פון דיין ברונעם

לאָז מיך טרינקען פון דיין ברונעם —
אין מיין דורשט עס ברענען וועלטן,
עס ברענען פייגל אין די נעסטן,
עס ברענען מענטשן אין געצעלטן.

לאָז מיך טרינקען פון דיין ברונעם —
אַלע זאַנגען פוסט פון קערנער,
אַלע שליאַכן פול מיט ווילדגראָז,
אַלע וועגן — שטויב און דערנער.

עס איז די וועלט איין בייזער חלום:
עס באָדט זיך זון אין רויך פון גיהנום.
באַלד וועט זיין אין גאַנצן חושך —
לאָז מיך טרינקען פון דיין ברונעם.

אַ טאָג אַזאַ

דער טאָג שטייט אַ מידער, אַ שווערער,
ווי דער אוראַלטער בוים אין מיין גאָרטן.
עס וואָיעט דער ווינט אין די צווייגן,
און רעוועט אין זוניקן פייער.

עס אָטעמט די ערד, ווי אין ספּאַזמען,
מיט רויכן — פּאַרטייעטע לונגען.
עס עכאָט אַ בייזער געיאָמער
פון קעץ אין פאַרלאָזענעם שייער.

ס'ווערט ווייטער און ווייטער די ווייטקייט,
אין טונקל פון בלייערנע וואָלקנס.
עס קוקן די בערגיקע שפּיצן,
אַזוי ווי דורך גלאָז דורך אַ דיקן.

עס שוויגן די פייגל אין פלאַטער,
עס טרויערן ליידיקע נעסטן,
און גאָט קוקט אַליין אויס אַ מידער
און קען ניט זיין אומעט דערשטיקן.

אין שווערן געמיט

ווי די פייערס אויף די וועגן,
וואָס דער וואָגלער האָט פאַרלאָזן,
און געבליבן איז פון זיי דאָרט נאָר אַ פונק,
אַט אַזוי אין מיינע בלוטן
איז דאָס פייער אויסגעלאָשן,
און געבליבן איז פון אים דאָרט נאָר אַ ווונק.

גאָט, איך האָב שוין מער קיין כוח!
אַנגעלאָדן איז מיין האַרץ שוין,
מיט די ווייען און די יאָרן, וואָס עס טראָגט.
עס הענגען מיינע טריט אויף פליגל,
ווי פון בליי נאָר אויסגעגאָסן,
און אין ברוסט דאָרט טיף אַ פייער ברענט און נאָגט.

עס זיינען אַלע ווייסע טויבן
פון מיין אויג אַוועקגעפלויגן
און ס'איז די זון אויף מיינע ברעמען מער ניטאָ.
אָ, מיין גאָט, ווי מיין נשמה
לעכצט אַזוי, נאָך רו אַ ביסל,
נאָך אַ ביסל פרייד און פרידן, כאָטש איין שעה!

די וועלט וואָס איך זוך

איז פאַראַן אַזאַ לאַנד, וואָס, איך טראַכט,
אַז עס באָדט זיך אין פרידן און פרייד,
און קיינער דאָרט זוכט ניט קיין מאַכט,
און קיינער דאָרט ליידט ניט פון נויט?

איז פאַראַן אַזאַ פאָלק, וואָס, איך טרוים,
אַז עס ווייס ניט פון „ווייס און פון שוואַרץ"
מיט פריינדשאַפט פאַר יעדן, אָן צוים,
און ליבשאַפט אין יעדערנס האַרץ?

איז פאַראַן אַזאַ פלאַץ, וואָס, איך קלער,
אַז עס ווערט פון אַ זיפץ דאָרט געזאַנג,
אַז עס ווערט דאָרט אַ ליד פון אַ טרער,
און פליגל — אין יעטוועדנס גאַנג?

איז פאַראַן ערגעץ-ווו אַזאַ וועג,
ווו זיכער עס זענען די טריט,
און עס לויערט פון ערגעץ קיין שרעק,
און דאָס האַרץ זינגט אין פלאַטער אַ ליד?

אָט דאָס איז די וועלט, וואָס איך זוך.
איך זוך, און איך זוך, און — ניטאָ.
און עס מאַכט זיך באַלד צו שוין דאָס בוך,
און עס הייבט אָן באַלד שלאָגן די שעה...

צופוסנס פון באַרג

אויף מיין וועג צו שטערן און בלומען,
צו ספערן, ווו העל איז און שיין,
צופוסנס פון באַרג כ'בין געקומען,
און געבליבן איך בין דאָרטן שטיין.

מיין בליק איז געווענדעט צו הויכן:
צום באַרג און צום אָדלערשן נעסט.
איך קען זיי דאָך קיין מאָל ניט גרייכן,
זעט אויס, ס'איז אומזיסט דער פאַרמעסט.

דאָך הייב איך זיך ווידער און ווידער,
און טראָג זיך נאָך אַלץ מיטן ווינט.
ביז עס וועלן צעברויזן זיך לידער,
ביז זינגען איך וועל ווי אַ קינד.

ווען עס פאַלן די בלעטער

עס פאַרבט זיך דער גאָלדענער טאָג שוין אויף שוואַרץ,
עס לעשט זיך דער ליכטיקער גלוט —
עס האָט נאָך אַזוי פיל צו זאָגן מיין האַרץ,
עס העלט נאָך אַ ניגון אין בלוט.

עס האַלט שוין דער טאָג אין פאַרקייטלען די טיר,
עס האָט זיך די נאַכט שוין צעבליט —
און טיף אין מיין האַרצן עס זינגט נאָך אין מיר,
עס וועבט זיך נאָך דאָרטן אַ ליד.

עס באָדט זיך אין ווינט און געוויטער דער שליאַך.
ס׳ווערט שווערער און שווערער דער גאַנג —
און טיף אין מיין האַרצן אַ טרוים איז נאָך וואַך,
עס הויערט נאָך דאָרט אַ געזאַנג.

דער פלאַם פון פרימאָרגן איז לאַנג שוין אַוועק,
געבליבן נאָר אַשן און רויך —
איך האָב נאָך אַזוי פיל צו גיין אויף מיין וועג,
און פייער צו צינדן נאָך אויך...

דווקא

געקומען אַ פּלאָג אומגעריכט,
און מאַטערט, און פּלאָגט אָן אַ מאָס:
אַ שאָטן דעקט צו מיין געזיכט —
און פּייניקט מיך אָן אַ פאַרוואָס.

ס׳וועט קיין זאַך דאָך שטיין אין מיין וועג,
אין וועג פון מיין ליכטיק געזאַנג,
ניט ווייטאָג, ניט פּיין, און ניט שרעק,
וועלן פירן צו בייטן מיין גאַנג.

כ׳וועל באַגעגנען דעם טאָג מיט אַ ליד,
מיין גורל — מיט שטאָלץ און מיט מוט.
ס׳וועט ניט פאַלן, מיט נאַכט, מיין געמיט.
איך גלויב, און האָף, און ס׳איז גוט.

ס׳וועלן קומען נאָך פריידן אַ סך,
און וואַרעם און ליכטיק וועט זיין.
ס׳וועלן טויבן נאָך פאַרבן מיין דאַך,
און די זון וועט מיר ברענגען איר שיין.

איצט האַלט איך די אויגן אַראָפּ,
דער ווינט, אַזאַ בייזער, איצט ברומט.
איך וועל דאָך ניט בויגן מיין קאָפּ,
ניט בויגן — מעג קומען וואָס קומט.

אין פּראָפּ. וואַרען ווילסאָנס אויגן־קליניק
אָקט. 1972, וועסט נייס, קאַל.

די צעדערס וואַקסן ווידער

איך האָב דיך קיין מאָל ניט געזען

איך האָב דיך קיין מאָל ניט געזען
און כ׳האָב געזען דיך ווידער-ווידער...
ס׳איז דורכן חומש דאָס געווען,
דאָס געווען איז דורכן סידור.

ניט געהערט האָסט מיינע טריט,
דאָך זענען קלאָר מיר דיינע וועגן.
ווּ עס ברויזט דאָרט דודס ליד,
דאַרף איך קיינעם דאָס ניט פרעגן.

איך ווייס, ווּ רחלס קבר איז,
און ווּ מערת המכפלה.
איך ווייס, ווּ פרוכט איז פול און זיס,
און ווּ די ביימער שטייען הוילע.

אַלץ מיט ליכט, ביי דיר, וואָס שמט,
דיינע פריידן, דיינע זאָרגן,
זענען קיין מאָל מיר ניט פרעמד,
קיין מאָל ניט פון מיר פאַרבאָרגן.

און איצט, שטיי איך נאָך ביי דיין שוועל —
מיין מזל האַלט מיך נאָך פון ווייטן.
דאָך אין מיין האַרץ און אין מיין זעל,
קיינער וועט דיך ניט פאַרבייטן.

לאָמיר בויען

לאָמיר בויען, לאָמיר בויען,
לאָמיר אויפהערן זיך ראַיען,
אין די חורבות פון דער וועלט.
לאָמיר בויען, לאָמיר בויען,
און זאָל עס זיין אין גוטע שעהען,
אונדזער אייגענער געצעלט !

לאָמיר בויען, לאָמיר בויען
לאָמיר טרויען, און פאַרטרויען
אונדזער גורל זיך אַליין.
זאָל דער כוח זיין : די ווייען,
און די מאַמעשע געשרייען,
און דער קינדערשער געוויין.

שוין גענוג, גענוג געאַקערט
פרעמדע פעלדער, ווי געפלאַקערט
עס האָט אַ האַס צו אונדז אומזיסט.
גענוג שוין פרעמדע קנויטן צינדן,
פרעמדע פּענטעס אויפצובינדן,
און אייגן פּעלד צו לאָזן וויסט...

גענוג שוין זוכן צו באַנייען
פרעמדע פעלקער, און באַפרייען
זיי, פון טיראַניי און קנוט.

גענוג שוין בייגן פּים און רוקן,
און צעמענטירן פרעמדע ברוקן,
מיט אונדזער מאַרך, און שווייס, און בלוט.

פאַר דורות האַלטן מיר אין טראָגן
שיינקייט, ליכט, און האַרץ, צום וואָגן
פון יעדן איינציק פאָלק און לאַנד,
ווי מע צאָלט אונדז דאָרט מיט שטיינער,
ווו געטרויערט האָט דאָרט קיינער,
ווען געפירט האָט אונדזער וועג צום ראַנד.

מעגן קראַקען אַלע קראָען —
לאָמיר בויען, לאָמיר בויען,
אונדזער אייגענעם געצעלט !
זאָל פון וויי, און פּיין, און טרערן,
ווערן בלומען, זון און שטערן,
צו דעם וווּנדער פון דער וועלט.

דער וועג

דער וועג צו דעם באַרג,
איז מיט שטיינער ניט קאַרג,
מיט ווילדגראָז, מיט בלאָטעס, מיט ליים.
דאָך ציט מיך צום שפּיץ —
גיי איך און קריץ,
און זוך דאָרט צו מאַכן מיין היים.

דער וועג צו דעם קוואַל,
איז געפּלאַסטערט מיט גאַל,
מיט גיפט, אָן אַ מאָס, אָן אַ סוף.
דאָך ציט מיך אַהין,
ווי נעקטאַר דער בין.
איך גיי, און איך גלויב, און איך האָף.

דער וועג צו דער הויך,
איז דורך אַש און דורך רויך,
דורך שטורעמס, געוויטער און דראַנג.
כ׳האַלט הויך דאָך דעם קאָפּ,
און איך שטעל זיך ניט אָפּ —
ס׳איז אַזוי שוין זינט דורות מיין גאַנג.

דער אָפּגעבערענטער וואַלד

ניט צומאַכן דאָס בוך

כ'וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן און פאַרגעבן.
כ'וועל קיין מאָל, קיין מאָל צומאַכן דאָס בוך,
ווו יעדער אות איז געפּייניקט לעבן,
ווו יעדע שורה רייסט זיך מיט אַ פלוך.

איך לעש אין מיר דעם פלאַם דאָך פון נקמה.
כ'האַלט אָפּ מיין האַנט פון אויפהייבן אַ שטיין.
איך הער אַ קול: ס'וועט קומען די נחמה —
דער צינדער וועט פאַרברענען זיך אַליין.

פאַראַן אַ חוב, וואָס אויפגעמאָנט מוז ווערן,
פאַראַן אַ שטראָף, וואָס רשע מיידט ניט אויס.
עס טריקנט ניט די צייט דעם ים פון טרערן,
ער רייסט זיך מער נאָך פון זיין ברעג אַרויס.

די האַנט פון צייט הענגט לאַנג ביים זייט אַרונטער,
ביז עס ווערט אַ פויסט און כאַפּט זיך אויף פון שלאָף.
צעזשאַרען זיך דאַן אַלע הימלען צונטער,
דער רשע חתמעט דאַן אַליין זיין שטראָף...

זינג איך

אַ קול האָט געזאָגט צו מיר: גיי צו די שונאים,
וואָס האָבן געפּייניקט דיך צוויי טויזנט יאָר.
גיי און דערצייל זיי, און לאַך זיי אין פּנים,
אַז עס האָט זיך פאַרוואַנדלט דיין חלום אין וואָר.

— ווי קען איך לאַכן, אַז עס לאַכט גאָר דער שונא,
און ווייזט זיינע תהום־שוואַרצע ציינער אין מויל.
ער שטרעקט מיר גאַנץ פריינדלעך זיין האַנט, זיין אומריינע,
און רינגלט אַרום מיך נאָך אַלץ מיט זיין גרויל.

אַ קול האָט געזאָגט צו מיר: גיי צו דעם קוימען,
ווו עס האָבן נשמות געפלאַמט אין דער הויך,
און וויין אויף פאַרברענטע, פאַרטיליקטע היימען,
אויף מאַמעס און קינדער אין אַש און אין רויך.

— ווי קען איך וויינען, אַז איך האָב ניט קיין טרערן,
אַז לאַנג איז שוין טרוקן פון טרערן דער קוואַל.
ווי קען איך וויינען, אַז דער שונא וויל גערן,
אַז איך זאָל זיך טרינקען אין טרערן און גאַל.

אַ קול האָט געזאָגט צו מיר: גיי און צעזינג זיך!
זינג דיין געלעכטער, און זינג דיין געוויין,
זינג אויף אַ קול, און מיט טראָץ, און צעקלינג זיך,
זינג צו אַ וועלט, וואָס איז טויב און געמיין...

זינג איך, און הייליק דעם טרויער דורך לידער.
זינג איך, אָן אָפּשטעל, דעם אייביקן שיר.
ביז מענטשן וועלן אָנהייבן לעבן ווי ברידער,
ביז די וועלט וועט דערהערן — און זינגען מיט מיר...

ניטאָ זיי מער

אויב עטוואָס גוט איז אין מיין לעבן,
אויב עטוואָס ליכטיק איז און שיין,
האָט דאָס מיין טאַטע מיר געגעבן,
אַ ירושה קלאָר און ריין.

דאָס ביסל פרייד, וואָס גייט געאָרעמט
מיט בטחון אין מיין זעל,
האָט מיין מאַמע אויסגעוואָרעמט,
מיט איר נשמה צאַרט און העל.

אין שפּעטע שעהען, ביי די חצותן,
ווען ערגעץ שניידט דורך נאַכט אַ גריל,
דער טאַטע מיינער האָט פאַרגאָסן
זיינע טרערן אין דער שטיל.

ווי אַ מלאך אים באַשיצן
און באַהיטן פון זיין וויי
פלעגט די מאַמע אויבעט זיצן,
ברענגען אים אַ גלעזל טיי.

ביידע לויטער־ווייסע טויבן,
ביידע לאַנגזאַם שוין אין גאַנג.
ביים שבת־טיש, מיט זון אין שויבן,
פלעגט דאָך ברויזן אַ געזאַנג.

יענע גוטע העלע צייטן,
ניט געווען פון זיי א סך.
עס ברענט די ערד פון אַלע זייטן.
ניטאָ קיין היים, ניטאָ קיין דאַך.

ביידע טראָגן טרייסט און האָפן,
שטעקן אָן מיט זייער מוט.
עס טאָר בטחון קיין מאָל שלאָפן,
ס'וועט זיכער זיין נאָך שיין און גוט.

ניטאָ זיי מער, די ווייסע טויבן,
ניטאָ דער שבת-טיש-געזאַנג.
עס קוקט מער זון ניט אין די שויבן,
עס וויינט דאָס הארץ מיינס אָן אַ קלאַנג.

דער אָפּגעברענטער וואַלד

איך וואַנדער אום אין אָפּגעברענטן וואַלד.
יעדער בוים איז דאָ געווען מיר טייער.
עס רייסט די זון זיך דורך אַ וואָלקן־שפּאַלט.
עס הענגט אין לופט דער רויך נאָך פון דעם פייער.

איך וואַנדער אום, און ס׳ווײנט אין מיר דאָס האַרץ.
אַלץ איז מיר דאָך דאָ אַזוי באַקאַנט.
יעדער שטאַם, פאַרסמאַליעטער און שוואַרץ,
און יעדעס גרעזל שטרעקן אויס אַ האַנט.

ס׳האָט אַלץ אַזוי געשפּרודלט און געבליט:
סאָסנעלעך און יאַסמין אויף די וועגן.
ס׳האָבן דעמבעס זיי באַשיצט און אָפּגעהיט.
געטוליעט זיך, אין זון, און טוי, און רעגן.

אַ ניגון פלעגט דאָ הענגען אין דער לופט,
אַ שטיל געזאַנג פון ווינטן אין די צווייגן.
אַ טיפער סוד, וואָס כישופט און וואָס רופט,
מיט פייגל פלעגט דאָ פלאַטערן און שטייגן.

איצט הענגט אַן איכה דאָ, אַ ליד פון וויי און צער.
עס יאָמערן די ווינטן אָן אַן אויפהער.
אַן אומעט נעמט אַרום דיך, שווער און שטאַר,
ווי נעילה־צייט, ביים בלאָזן פון דעם שופר.

געוועז דאָ פרייד אַ מאָל, נשמה־רו און גליק.
אָ גאָט! ווי שטאַרק דאָס האַרץ אין מיר טוט בענקען!
וועט אויפגיין דאָ דער וואַלד אַ מאָל צוריק?
די צינדער וועל איך קיין מאָל, קיין מאָל שענקען.

ליכטיקע נשמות

יאַנוש קאָרטשאַק

די ליכטיקע נשמה, דער מענטשן־פריינד, דער ליב־האָבער פון קינדער. ווען די נאַציס האָבן אַרומגערינגלט זיין יתומים־הויז, און די קינדער זענען געגאַנגען צו דער עקידה, איז ער געגאַנגען מיט זיי. ער האָט זיך געקענט ראַטעווען. ער איז געווען אַ דאָקטער. די אוממענטשן האָבן געדאַרפט דאָקטוירים. ער האָט צוויי קינדערלעך געטראָגן אויף די הענט. אויפן וועג האָט ער זיי דערציילט מעשות און מיט זיי געזונגען.

מרדכי אַנילעוויטש

דער שטאָלצער מענטש, דער שטאָלצער ייִד, דער פירער פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. „איידער צו וויסן ווי צו לעבן ווי אַ מענטש, בעסער צו וויסן ווי צו שטאַרבן ווי אַ מענטש". „איך האָב דערלעבט צו זען, ווי ייִדן, מיט פּאות און בערד, האַלטן גראַנאַטן אין די הענט". קאַמף־קאָמאַנדיר. ווי אַ קאַפּיטאַן פון זינקענדיקער שיף, דער לעצטער געפאַלן אין שלאַכט.

יאַנוש קאָרטשאַק

עס לעשן זיך שטערן אין ליכט פון דיין נאָמען.
עס טונקלט די זון אין דיין הערלעך געשטאַלט.
פון אַלץ, וואָס איז גוט, און איז שיין, ביסט דער זאָמען.
די אייביקייט רופט דיך, דיין נאָמען זי שאַלט.

אַ פּאַסטעך פון לעמער, פון שאָף און פון רינדער,
דאַרף ליבן און היטן יעדן איינציקן רינד.
און צו ליבן און היטן, ווי דו, קליינע קינדער,
דאַרף מען דערצו זיין אַליין אויך אַ קינד.

און דו, מיט דיין ליכטיקער קינדער־נשמה,
אַזוי ווייך, אַזוי וואַרעם, ווי זונשיין פאַר טאָג,
געבראַכט האָסט צו קליינע יתומים נחמה,
געזען זייער אומעט זאָל זיין אין פאַריאָג.

ניטאָ אַזאַ ליבשאַפט, ווי ליבשאַפט פון קינדער,
ניטאָ אַזאַ פרייד, ווי די פרייד פון אַ קינד.
נאָר אַ מלאך אַ גוטער, פון פריידן אַ צינדער,
קען ליבשאַפט פון קינדער זיך האָבן פאַרדינט.

און דו, ווי אַ שיף, האָסט יתומימלעך קליינע
געבראַכט און פאַראַנקערט ביי דיר אין דיין האַרץ.
און מיט ליכטיקע אויגן, מיט לויטערע, ריינע,
געמאַכט ליכטיק זיי שעהען פון חושך און שוואַרץ.

די קינדערלעך שטיפן, די קינדערלעך טאַנצן.
וואָס ווייסן נשמהלעך לויטער און ריין?
דו טאַנצסט מיט זיי מיט, דיינע אויגן — זיי גלאַנצן,
און טיף אין דיין האַרץ דאָרטן ברויזט אַ געוויין.

— — — — — — — — — — — — — —

דער אויף אייביק פאַרשאָלטענער טאָג איז געקומען:
עס גייען די קינדער, און דו גייסט מיט זיי.
צוויי קינדערלעך קליינע, צוויי דופטיקע בלומען,
דו טראָגסט אויף די הענט זיי ווי תורהלעך צוויי.

דער פיינט האָט פאַרזען דיך און דיך ניט פאַרנומען,
נאָר אַ פאַסטעך פאַרלאָזט ניט אין שטורעם די שאָף.
צום ווונדער פון שונא אַליין ביסט געקומען
מיט די קינדערלעך דיינע צו זיין ביזן סוף.

— — — — — — — — — — — — — —

ווו פירט מען אייך אַלע? דאָס האַרץ טוט אַ ציטער,
דו זעסט אין די אויגעלעך אומעט און שרעק.
אַ מעשהלע אפשר וועט הייבן געמיטער,
און דעמאָלט וועט אפשר דער אומעט אַוועק.

— הינטערן באַרג איז פאַראַנען אַ גאָרטן —
הייבסט אָן, און די קינדערלעך ווערן פאַרגאַפט.
— עס וואַקסן אויףביימער צוקערקעלעך דאָרטן,
און עס רינט פון די ביימער אַ זיסינקער זאַפט.

— און פייגעלעך זינגען אויף פּאַלמעס אויף הויכע.
און ווינטן דאָרט דרייען אַ ראָד פון אַ מיל,
און גראָזן פאַראַן דאָרטן סאַמעטענע, ווייכע,
און מע קען אויף זיי זיצן, ווי לאַנג נאָר מע וויל.

— עס שטייט אין דעם גאָרטן דאָרט אויכעט אַ טישל,
מיט ברויט און מיט פּוטער, מיט מילך און מיט נים.
אין אַ גלעזערנעם טאָפּ שווימט אַ גאָלדענער פישל.
ס'איז אַלץ אַזוי גוט דאָרט, ס'איז אַלץ אַזוי זיס.

— מיט ברויט און מיט פּוטער!... עס גלאַנצן די אויגן:
אַ גאָלדענער פישל! אַ פויגל-געזאַנג!...
דו רעדסט... דיינע פיס הייבן אָן זיך צו בויגן.
דו ווייסט ווו מע פירט אייך, ס'איז קלאָר דיר דער גאַנג.

— און איצט אייך אַ מעשהלע וועל איך דערציילן,
מיט פייגעלעך קליינע אין אַ נעסט אויף אַ בוים,
מיט אַ שוואַרצער וואָראָנע, וואָס האָט זיי באַפוילן
צו פאַרלאָזן זייער גוטע און וואַרעמע היים.

— אַ מאָל איז געווען... נאָר מע הערט דיך ניט מערער,
עס צאַפּלען זיך הערצעלעך קליינע אין שרעק.
די קינדערלעך טוליען זיך ענגער צום לערער.
אַ געשריי, אַ געוויין ביי די זייטן פון וועג.

עס הערן זיך קנאַלן... סטאַקאַטאָ-באַפּעלן...
אַ קנאַקן פון בייטשן... עס קומט אָן דער גרויל...
מע זעט פון דער ווייטן די פינצטערע שוועלן,
מע זעט אויך דעם קוימען, זיין אָפענעם מויל.

— — — — — — — — — — — — — —

איך קען מער ניט, יאַנוש, מיך שטיקן די טרערן,
דאָס וואָרט ווערט פאַרפראָרן ביי מיר אויף מיין צונג.
פאַר וואָס האָבן זיך ניט פאַרלאָשן די שטערן,
ווען עס האָט זיך פאַרלאָשן דער מענטשלעכער פונק?!

איצט פלאַטערן אום, און עס ברענען אין רוימען,
די לעצטע מינוטן פון אַנגסט און פון צער,
וואָס דו האָסט געזוכט צו פאַרוואַנדלען אין טרוימען,
און אַ ליכט אָנגעצונדן אין חושך־געפאַר.

זיי פלאַטערן אום איצט, מיט דיר, ווי אַ פאַקל,
און צינדן, און זשאַרען, און ברענען די לופט.
און קריצן אין פלאַם, פון גאַטס וועלט דעם סך־הכל,
דיין ליכטיקער נאָמען, וואָס וועקט און וואָס רופט.

מרדכי אַנילעוויטש

פֿאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס שטייט העכער פֿון לעבן,
פֿאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס איז הייליק ביז גאָר.
מע טאָר קיין מאָל דעם, וואָס פֿאַרשוועכט דאָס, פֿאַרגעבן,
אַפֿילו איין טראָפּן, אַפֿילו איין האָר.

גוט איז צו לעבן, צו זיין, צו געניסן.
נאָר בעסער פֿון לעבן איז גליק אָן אַ ברעג,
איז, ווי אַזוי שטאַרבן מיט חשיבֿות צו וויסן,
ווי צו פֿאַרענדיקן ליכטיק דעם וועג.

„מיר אַלע פֿאַרמשפּטע זענען צו שטאַרבן.
נאָר דו אויסגעקליבן האָסט אייגענעם טויט:
צו פֿאַלן אין קאַמף, קעגן די, וואָס פֿאַרדאַרבן
די מענטשלעכע חשיבֿות, די גאָלדענע קייט.

„מע פֿירט אונדז אויף אַרבעט — אַ העסלעכער ליגן
מע פֿירט אונדז אין שעכטהויז, ווי לעמער און שאָף.
טאָ זאָל זיך די ערד און דער הימל צעוויגן,
אין קאַמף ביזן לעצטן, אין קאַמף ביזן סוף!

„זאָל קיינער ניט בויגן זיין קאָפּ אין דער נידער
און זאָל אונטערגעבן זיך קיינער דעם פֿיינט!
עס קומען אָן הייליקע שעהען, אַ ברידער,
צו שטאַרבן, ווי יידן, ווי שטאָלצע, נאָך היינט.

„גוט איז צו זען, ווי עס האַלטן גראַנאַטן
און ביקסן דאָ יידן אין זייערע הענט.
גוט איז צו זען, ווי אַ זון מיט אַ טאַטן
צוזאַמען אין קאַמף — ווען די געטאָ שוין ברענט".

די געטאָ פאַרצוימט איז, פאַרשלאָסן, פאַרריגלט —
איז פאַראַן אַזאַ טיף־אונטערערדישער וועג.
און יידישע טעכטער, מיט גלויבן באַפליגלט,
זיי גייען, זיי קריכן, דורך חושך, אָן שרעק.

דו דונערסט, דו וועקסט, און דו רופסט צו נקמה,
פאַר מאַמעס און קינדער, פאַר יונג און פאַר אַלט.
יעדע איינציקע יידישע שטאָלצע נשמה,
זאָל שטיין אין דעם בונט, אָן אַ שרעק און פאַרהאַלט.

די האָרדעס, זיי קומען מיט גאַז און טאַנקען,
מיט הינט און מיט פייער זיי רינגלען אַרום.
ביי דיר זענען שאַרף, זענען קלאָר די געדאַנקען:
שוין נאָענט דער סוף איז, באַלד קומט דער אַנטקום.

לאַנגע דריי וואָכן עס צאַנקט שוין דאָס לעבן.
איין פונק נאָר געבליבן אין פאַרמאַטערטן גוף.
— ניט גיין אין וואַגאָנעס, זיך ניט אונטערגעבן! —
הילכט ווידער אין געטאָ דיין מוטיקער רוף.

עס פלאַמען די גאַסן, עס ברענען די הייזער.
עס פאַלן איין דעכער, און בונקערס, און ווענט.
די שעה האָט געשלאָגן. עס שטייט שוין דער ווייזער.
די ערד איז אין פיבער, די לופט אַליין ברענט.

— — — — — — — — — — — — —

איין גרופּע געבליבן, די קעמפער אויף מילע.
נאָגאָנעס מיט איינצלנע קוילן אין הענט...
דריי וואָכן, דריי לאַנגע, אין פאַרמשפּטער קהילה.
קיין קויל און קיין באָמבע אומזיסט ניט פאַרשווענדט.

עס וויסן שוין מרדכים די לעצטע חברים,
דעם לאַנג שוין, פון גורל, געצייכנטן וועג.
און אַלע ווי איינער, די שטאָלצע גבורים,
דעם אייגענעם טויט זיי באַגעגנען אָן שרעק.

איך וויל ניט איצט, מרדכי, דיין אומקום באַוויינען.
דו וואָלסט ניט געוואָלט, אַז דאָס טאָן גאָר איך זאָל.
דיין לעצטע מינוט איז געקומען באַשיינען
דעם חושכן אָפּגרונט, דעם פינצטערן טאָל.

אַוועק זענען יאָרן, און עס הערט ניט אויף פרעסן
דאָס טראַכטן, וואָס מענטש האָט צו מענטשן געטאָן.
דיין נאָמען וועט קיינמאָל ניט ווערן פאַרגעסן,
דו טרעגער פון חשיבות פון מענטש אויף דיין פאָן!

דעם יידישן כבוד, דעם יידישן נאָמען,
דו האָסט, ביזן הימל, אַ הייב געטאָן הויך.
מיליאָנען נשמות געזאָגט האָבן אמן,
געלייטערט, געהייליקט דורך אַש און דורך רויך.

באַלאַדעס, פּאָעמעס און מעשׂהלעך

לו און דער שטערן

ביים פענצטער זיצט די קליינע לו,
און קוקט אַרויס אין גאַס.
די אויגן גרויס, און אָן אַ רו,
דאָס פּנים דין און בלאַס.

אין גאַס דאָרט קינדער שטיפן פריי,
און שפּילן אין „געדריי״.
לו וואָלט וועלן זיין דערביי,
און שפּילן אויך מיט זיי.

דער געדאַנק פון דעם אַליין,
דער קליינער לו איז זיס.
זי קען דאָך ניט אַרונטערגיין —
לו האָט קראַנקע פיס...

לו האָט אויכעט קראַנקע הענט,
איר טוט אויך ווי דער קאָפּ.
דאָס אָרעם קינד מוז אָנגעלענט
פון בעטל גיין אַראָפּ.

קיינער קומט אַרויף צו איר.
זי קיינעם, קיינעם פעלט.
דער ווינט נאָר קלאַפּט דאָרט אָן אין טיר,
פון אָרעמען געצעלט.

איין פריינד האָט לו, אַ ליבן פריינד,
ער קומט צו איר ביי נאַכט —
אַ שטערן וואָס נאָר ער זינגט און שיינט,
לו וואַרט אויף אים, און וואַכט.

דעם שטערן האָט געשאַפן גאָט,
פון אַ קינדס אַ טרער.
פון אַלע שטערן אין באַראָט,
דער ליכטיקסטער איז ער.

אַלע נאַכט דער שטערן רעדט
און קוקט אַריין אין שויב:
— גוט אָוונט, לו — עס איז שוין שפּעט,
וואָס מאַכסטו, קליינע טויב?

אַ מאָל די נאַכט פאַרוואָלקנט ווערט,
דער שטערן ווערט פאַרשפּאַרט.
זיצט ביים פענצטער לו פאַרטרערט,
און וואַרט, און וואַרט, און וואַרט...

אַ קראָ צעקראַקעט זיך און שרייט,
אַ ווינט אַ בייזער ברומט.
דער וווּנדער-שטערן פון דער ווייט,
ברעכט זיך דורך און קומט.

אַלע נאַכט דער שטערן שיינט
דער קליינער לו ביז שפּעט.
זי הערט: עס זינגט אין שויב איר פריינד,
און וויל ניט גיין אין בעט.

— — — — — — — — — — — — — —

עס שניידט די שטילקייט פון דער נאַכט,
דער מאַמעס שטיל געוויין.
דער שטערן קוקט אין שויב, און וואַכט.
ס׳קען לו צו אים ניט גיין.

שאָטנס דרימלען אויף די ווענט,
אין בעט לו אָטעמט שווער.
די מאַמע שטייט און ברעכט די הענט,
און ווישט פון אויג אַ טרער.

אין גאַס די קינדער אין געדריי —
זיי ווייסן פון קיין זאַך.
קעגן איבער טויבן צוויי,
וואָרקען אויף אַ דאַך.

די נאַכט געוועזן איז ווייס און קלאָר.
געשלאָפן איז די שטאָט.
אין הימל הויך אַ שטערן־כאָר
געזונגען האָט צו גאָט.

ביים בעט די מאַמע שלינגט אַ טרער,
און גלעט לוס הייסן קאָפּ.
היינט וועט לו דאָרט שוין ניט מער
פון איר בעט אַראָפּ.

געקומען איז לום פריינד צו גיין,
אריינגעקוקט אין שויב:
ניטאָ דאָרט לו, דער מאַמעס קרוין,
ניטאָ די קליינע טויב.

אַ וואָלקן האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט,
אַ וואָלקן דיק און שווער.
דער שטערן קוקט, און ער פאַרשטייט:
זיין פריינד ניטאָ שוין מער.

די נאַכט איז לאַנג, און שווער, און שטאַר.
אַן אומעט הענגט אַרום.
דער שטערן קוקט אין שויב מיט צער —
ניטאָ די צאַרטע בלום.

ניטאָ, ניטאָ די קליינע טויב,
ניטאָ, ניטאָ שוין מער.
אַ לעצטער בליק צו לו אין שויב —
און ווערט צוריק אַ טרער...

דער פֿאַרכישופטער ברונעם

אין דעם לאַנד פון נאַכט און טויען,
אין אַ טאָל פון ווינט און וויכער,
ווו מע הערט אַ שטענדיק וואָיען,
ווו דאָס גראָז איז — שוואַרצע טיכער,

שטייט אַן אַלטער, אַלטער ברונעם,
און ביי אים אַ יונג אַ בלאַסער.
שטייט פאַרכישופט פון ניגונים,
וואָס זיי קומען פונעם וואַסער.

אַלע טאָג, אין פריען מאָרגן,
ווען דורך שוואַרצע וואָלקן־שפּאַלטן,
זוכט פאַרטאָג פאַר זיך צו באָרגן
אַ שטיקל זון, וואָס ליגט באַהאַלטן,

אין דעם טאָל פון ווינט און וויכער,
מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
דאָרטן, אויף די שוואַרצע טיכער,
שפּרייזט דער יונג מיט שטאַרע אויגן.

ווינטן ברענען אים זיין פּנים,
שטיינער קייקלען זיך אַנטקעגן.
אַלע דאָ אים זענען שונאים —
צאָם און צאָם אויף אַלע וועגן.

דער יונג דאָך שפּרייזט אַלץ ווייטער, ווייטער —
אים צוּען, רופן די ניגונים,
און, ווי אין ווינט אַ מידער רייטער,
ער קומט און פאַלט אַוועק ביים ברונעם.

פון דעם ברונעם גלייך דערהערט זיך
שטיל אַ וויינענדיקער ניגון,
ווי פון אַ מאַמע, וואָס פאַרטרערט זיך,
פּרוּווט אַ קראַנקן קינד פאַרוויגן.

אַ שטימע פון אַ פרוי אַ יונגער,
אין אַקאָרדן דינע, שטילע,
ווי אַן עופהלע אין הונגער,
קלאָגט, פאַרגייט זיך אין אַ תּפילה.

באַלד דער ניגון ווערט אַ שווערער,
ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קללה,
רייסט זיך, הייבט זיך מער און מערער,
ווערט אין טאָל דאָרט אַ בהלה:

פייגל שרייען, ווי די קראָען,
ביימער פלעכטן זיך צוזאַמען,
ווינטן ברומען בייז און וואָיען,
און דער הימל שטייט אין פלאַמען.

ווידער שטילער ווערט דער ניגון,
ווידער די אַקאָרדן קלאָגן.
מע הערט אַ וויסטן „ווייִ געשריגן"
אויף פאַרוואָלקנטע פאַרטאָגן.

און די וויינענדע ניגונים
ברענען, זשאַרען האַרץ און אויגן,
פון דעם בלאַסן יונג ביים ברונעם,
ווו ער שטייט דאָרט איינגעבויגן.

עמעץ לאַכט אים אין זיין פנים,
עמעץ חוזקט אים אין אויער,
מיט דער פרייד פון ביטער־שונאים,
מיט אַ קול ווי פון אַ קבר:

קיין פאַרגעבונג, קיין מחילה,
פאַר די זינד פון יונגע יאָרן;
עס קען אַ טרייסט ניט זיין אַפילו,
ווען עס ברענט די ערד מיט צאָרן.

און דער הימל קוקט אַ בייזער,
און די ווינטן וואָיען, ברומען:
ביסט פאַרמשפט! אַ דערלייזער
וועט צו דיר שוין קיין מאָל קומען.

און דער יונג, מיט לעצטע קרעפטן,
האַלט זיך אויף די פיס ביים ברונעם,
און עס ציט אים זיך באַהעפטן
מיט די ליכטיקע ניגונים.

— — — — — — — — —

גרוי געווען איז דער פרימאָרגן,
די זון איז ניט אַרויסגעקומען,

און חושך האָט געשטיקט, געוואָרגן
הימל, ערד, און אַלץ פאַרנומען,

ביי דעם ברונעם איז געשטאַנען,
ווי אין טרוים, דער יונג דער בלאַסער,
אין דעם שפּריי דאָרט פון פאַנטאַנען —
די ניגונים פונעם וואַסער.

ס'איז ליכט און ליכטיק אים געוואָרן.
ער האָט געעפנט זיינע אויגן
און זיך דערפילט, ווי ניי געבאָרן —
אַ שוואַרצע קראָ אַוועקגעפלויגן...

אויף זיין פּנים, אויף זיין בלייכן,
אָן אַ סימן מער פון ליידן,
האָט באַוויזן זיך אַ צייכן,
פון טיף־אינערלעכע פריידן.

עס האָבן מער שוין די ניגונים
האַרץ און אויג אים ניט געשניטן.
יעדער ניגון פון דעם ברונעם,
האָט אין גאַנצן זיך געביטן.

ס'האָט יעדער ניגון דינער, שענער,
אים גערופן, אים געבעטן,
און מיט אַזעלכע כישוף־טענער,
וואָס זיי קושן, און זיי גלעטן...

דאָן צעעפנט זיינע אויגן,
פלוצלונג האָט דער יונג דער בלאַסער,
זיך אויפן ברונעם איינגעבויגן,
און דאָרט אַריינגעקוקט אין וואַסער.

עס האָבן זיך גענומען צינדן,
אין דעם הימל רעגנבויגנס —
צינדן, ברענען, און פאַרשווינדן.
און אַ וואָל האָט זיך פאַרצויגן...

— — — — — — — — — —

אין דעם לאַנד פון נאַכט און טויען,
איז די זון שוין אויפגעגאַנגען.
מע הערט דאָרט מער ניט ווינטן וואָיען,
מע הערט נאָר פייגלשע געזאַנגען.

און אין טאָל — די שוואַרצע טיכער
זענען פונעם גראָז פאַרשוואונדן,
און פאַרשוואונדן איז דער וויכער,
און דער הימל איז צעצונדן.

נאָר איין פויגל דאָרט אַ גרויער,
האָט אין לאַנגע טעג און וואָכן,
אויסגעזונגען דאָרט זיין טרויער,
אויף אַ נעסט, וואָס איז צעבראָכן...

די באַלאַדע פונעם קראַנקן מייסטער

מיטן קאָפּ אויף די קלאַווישן,
ווי אַ קראַנקער אויף זיין קישן,
זיצט דער מייסטער ביים קלאַוויר, און
מיט די הענט ער פּרוּווט אַ פיר טון.
נאָר די שווייגנדיקע זינגער —
די צערייצטע קראַנקע פינגער —
ליגן אויסגעשפּרייט, ווי שפּענער.
די אַרויסגעבראַכטע טענער,
ווי, פון ווינט צעבלאָזטע גלוטן,
ברענען, פלאַמען האַרץ און בלוטן.

אַלע נאַכט, אין שפּעטע שעהען,
ווען דער ווינט הערט אויף צו וואָיען,
און שווערגעמיטער גערן הערן,
ווי ס'צעזינגען זיך די שטערן —
הייבט אָן דאָס האַרץ פון קראַנקן שפּילן,
און ס'וועקט אים אויף אַ שטאַרקער ווילן.
און מיט אַ לייכט געמיט, און מונטער,
גייט ער פון זיין בעט אַרונטער.
די אויגן, פון דער נאַכט נאָך פייכטע,
נאָר די טריט צעפליגלט-לייכטע,
און, ווי פון עמעצן געפירט דאָרט,
גייט, און זעצט זיך ביים קלאַוויר-אָרט.

אויף די ווענט די „גרויסע גייסטער",
קוקן אויפן קראַנקן מייסטער

און זיי וועקן, און זיי מוטן,
און זיי זשאַרען אויף די בלוטן.
נאָר די שטומע, שטייפע זינגער —
די צעדרייטע קראַנקע פינגער —
אומזיסט זיי פּרוּוון ווידער-ווידער.
און ניט-געזונגען ווייגען לידער,
ניט-געשפּילטע קלאָגן טענער.
און ערגעץ ווייט דאָרט קרייען העגער.

אין די שטילע, שפּעטע שעהען,
ווען פון נאַכט די גרויע טויען
פאַלן, ווי צעשפּרייטע טרערן,
און די וואָלקנס פרעסן שטערן,
זיצט דער מייסטער ביים קלאַוויר דאָרט.
פּלוצלונג, זע וואָס האָט פּאַסירט דאָרט:
די צערייצטע קראַנקע פינגער,
גלייך, ווי שטאָלצע טעמפּל-זינגער,
און, ווי אין ווינט צעוויגטע צווייגן,
איבער די קלאַווישן שטייגן.
און זיי לויפן, און זיי פליִען,
און זיי רייסן, און זיי ציִען
פון קלאַוויר אַרוים די טענער.
און די טענער וווּנדער-שענער,
ברויזן, לויפן און זיי קנאַלן,
און זיי הייבן זיך און פאַלן,
און זיי תּפילהן, און זיי בעטן,
און זיי פרישן, און זיי גלעטן,

ווי אַ זומערדיקער רעגן
מידע וואָגלערס אויף די וועגן.

אויף די ווענט, די גרויסע גייסטער,
הערן צו זיך, צו דעם מייסטער:
באַך און האָפמאַן, און דע־האַוואַ.
בראַוואָ! בראַוואָ! בים און בראַוואָ!...
און עס ברויזן, און עס קלאַפּן,
און עס גאַפּן, און עס זאַפּן
טויזנט הערצער איין דעם וווּנדער,
און עס ווערן בלוטן צונטער.
און עס ווערן אויגן — זונען.
און צעשוווּמען, און צערונען,
אין די כישופדיקע שעהען,
ווערן אַלע, אַלע „אויען",
אַלע פיינען, אַלע ווייען,
אַלע שטומע האַרץ־געשרייען.
און איבער דעם קלאַוויר, געבויגן,
מיט אַ פייער אין די אויגן,
אין זיין מאַנטל איינגעהילט דאָרט,
זיצט דער מייסטער און ער שפּילט דאָרט.

אַלע נאַכט, אַזוי אָן אויפהער.
ביז עס „מאַכט זיך צו דאָס ספר",
ביז שטערן הייבן אָן פאַרשווינדן,
דער מזרח הייבט זיך אָן צו צינדן —
אַ חלום פון געזאַנג און לידער.
ער פאַלט ביים קלאַוויר דאָרט אַנידער.

ליבער, גוטער גאָט, אין הימל!
גאָט פון טרוימען און פון דרימל,
גאָט פון סטרונעס און געזאַנגען,
פון קלאַווישן און פון קלאַנגען,
דו, וואָס לינדערסט פּיין און ווייען,
לאָז דעם חלום מער געדייען...

— — — — — — — — —

עס איז געווען אין שפּעטע שעהען,
ווען עס שלאָפן שוין די קראָען,
און די ערד, ווי אין אַ דרימל,
מיט די שטערן, הויך אין הימל,
זינגט צוזאַמען שטיל אַ ניגון,
און קינדער חלומען אין וויגן —
איז פון בעט אַראָפּ דער מייסטער.
אויף די ווענט די גרויסע גייסטער
קוקו, גאַפן, ווי אין ווונדער.
און דער מייסטער, בליקן — צונטער,
גלייך מיט שנעלע טריט, און זיכער,
ווי געטריבן פון אַ וויכער,
זיך צום קלאַוויר געלאָזן פליִען.
אויגן גרויסע ברענען, גליִען.
אין די פינגער איינגעקלאַמערט
אַ פאַרזשאַווערט-אַלטער האַמער...

— — — — — — — — —

עס איז געווען אַ גאָטס פּרימאָרגן:
אַלע מענטשנס ווי און זאָרגן,
האָט אַ העלע זון פאַרטריבן.
פון דער נאַכט איז נאָר געבליבן
אַ קליינער פלעק, און באַלד צערונען.
און אויפן דיל האָט מען געפונען,
אויף צעבראָכענע קלאַווישן,
אָנגעשפּאַרט, ווי אויף אַ קישן,
אויסגעשפּרייט דעם טויטן מייסטער.
אויף די ווענט די גראָע גייסטער,
אויגן — שטאַר און טיף־פאַרקלעמטע,
האָבן אַראָפּגעקוקט פאַרשעמטע...

קריטער דער אָקס

קריטער איז אַלט, און איז שוואַך, און איז בלינד,
און האָט נאָר איין פריינד אין זיין לעבן — דעם ווינט,
וואָס קומט און ווישט אָפּ פון זיין פּנים דעם שוויים,
און קילט אים זיין קאָפּ, וואָס איז שווער און איז הייס.

פאַר יאָרן און יאָרן געהערט נאָר: אַהוי!
און דאָס פייפן פון בייטש, און אַ כלבֿם געוואָי.
פון סאַמע באַגינען ביז זון־אונטערגאַנג,
פון הילצערנעם שווערן געשפּאַן אין געפאַנג,
דעם אַקער געשלעפּט אָן אָפּשטעל, אָן רו.
איז קיין אַקער געווען — איז געווען ערגעץ ווו
אַ וואָגן מיט קלעצער, און שווער, אַז די פיס
זיי פלעגן זיך בויגן, זיך געטאָן דאָך אַ ריס,
און אונטער געשרייען „אַהוי", אין „אָהאָ".
געשלעפּט, ביז די כוחות געווען מער ניטאָ,
דעם וואָגן, דורך בלאָטעס, דורך שטיינער, דורך ליים,
און שפּעט אין דער נאַכט ערשט געגאַנגען אַהיים.

ביים שייער שטייט קריטער און קייט דאָרט אַ שטרוי.
יעדער גליד איז אים שווער, יעדער גליד טוט אים וויי.
נעכטן, אין פעלד דאָרט, געפאַלן צוויי מאָל.
אַ שניט פון דער בייטש, און „אָהאָ" אויף אַ קול,
מיט כוחות מיט לעצטע, אַ הייב און אַ ריס,
אַ הייב און אַ ריס, און צוריק אויף די פיס.

ווען קריטער איז ווידער געפאַלן אין שפּאַן,
איז ער שוין געוועזן דאַן, ווי אין אַ טומאַן:
די פּיס אונטער זיך, און געלעגן באַרוט,
געלעגן, געפילט אַזוי לייכט, אַזוי גוט:
קיין מידקייט, קיין שווערקייט, קיין היץ, און קיין ווײ —
כאָטש ליגן און ליגן אויף אייביק אַזוי...

עס האָט ניט געהאָלפן קיין שרייען „האַ־האַ" ! —
מע הייבט זיך ניט אויף, ווען קיין כוח ניטאָ...
ביז ענדלעך, דער שפּאַן דאָרט פון אים איז אַראָפּ,
און קריטער אַ טרייסל געטאָן האָט דעם קאָפּ.
ער איז לאַנג נאָך געלעגן, געקומען צו זיך.
דאַן זיך געטאָן דאָרט אַ הייב, און אויף גיך
אַ ריס און אַ הייב, און אַ הייב און אַ ריס,
און ווידער אַ הייב, און צוריק אויף די פּיס.
צום שייער דאַן לאַנגזאַם געלאָזן זיך גיין,
און ביי אַ בערגל פון שטרוי געבליבן דאָרט שטיין.

ס'איז זומער: דער טאָג איז באַגאָסן מיט זון.
אויפן וועג דאָרטן לויפט אַ פאַרבלאָנדזשעטע הון.
עס הערט זיך פון ווייטן אַ הירזשען פון פערד.
פון קיינעם געהיט, און פון קיינעם געשטערט,
געמיטלעך עס פּאַשען זיך שעפּסן און קי,
אין זאָרגלאָזער שטילקייט, אָן שווערקייט, אָן מי.
אַרום קריטערן שפּרייט זיך אַ זעלטענע רו.
פּלוצעם דערקענט ער פון ווייטן אַ קו —
דער ווינט בלאָזט אין נאָז אים, און ברענט אים, ווי גלוט,
און עס ווערט אַזוי זיס, אַזוי וואַרעם זיין בלוט.

אויף אַ וואָגן שטייט קריטער, געפירט פון צוויי פערד.
עס טוט אים הנאה — אַזאַ זאַך באַשערט:
ער שלעפּט ניט, ער פירט ניט, ער ווערט גאָר געפירט.
אַ חוב אויסגעצאָלט אים — דאָס האַרץ ווערט גערירט.
דורך פעלד און דורך וואַלד, און דורך ווינען און טאָל,
עס פייפן קיין בייטשן, מע הערט ניט קיין קול.
עס פאָלט אים ניט איין גאָר, צו וואָס און וווהין.
דאָס פירן אים האָט דאָך מסתמא אַ זין.
קען זיין, אַז מע פירט אים באַקוקן די וועלט.
און קריטער, פון פרייד, ווערט צעהאַפּערט און קוועלט.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ קריטער, דו נאַרישער אָקסישער קאָפּ!
דו ווייסט ניט, אויף וואָס גאָר די וועלט שטעלט דעם טראָפּ:
ווען אַן אָקס פאַלט אין שפּאַן, און קען שלעפּן ניט מער,
פאַרלירט אויפן געפאַלענעם קיינער קיין טרער.
עס בלייבט נאָר איין וועג אים: דאָרט ערגעץ, גאַנץ ווייט,
איז פאַראַן אַ געהויבענע יאַטקע ביי לייט,
און אויכעט פאַבריקן פון קליי און פון שיך,
און מע מאַכט אַ סך־הכל פון קריטערס דאָרט גיך.
און ס׳קען זוכה זיין אויכעט אַ קריטער אַמאָל,
מע זאָל מאַכן אַ ברכה אויף אים אויפן קול...

אַ שטראַל אין דער פינצטער

אין מיטן פון לאַנג-אָפּגעלאָזענעם גאָרטן,
מיט דערנער און ווילדגראָז אַרום,
האָט פּלוצלונג, מע ווייס ניט פון ווען און פון וואַנען,
צעבליט זיך אַ וווּנדער אַ בלום.

די בלעטעלעך צאַרטע, און ווייכע, ווי סאַמעט,
און לויטער און ווייס, ווי אַ טויב.
זי בליט קעגן איבער מיין אָפענעם פענצטער,
און קוקט מיר אַריין אין מיין שויב.

זי מאַכט צו די אויגן ביי נאַכט, מיט די שטערן,
און שטייט אויף פאַר טאָג, מיט דער זון.
און פול ווערט מיט דופטיקן נעקטאַר איר בעכער,
און בינען — זיי ווייסן דערפון.

זיי קומען, אין פלאַטער, ווי געסט אָנגעלייגטע,
און זשומען, און זינגען אין ווינט.
און זי ווערט ניט מיד פון איר גאָלד זיי צו געבן,
ווי אַ מאַמע, וואָס קאָרמעט איר קינד.

אַ מאָל, ווען איך עפן מיין פענצטער, דערהער איך,
מיר דוכט זיך, אין ווינט אַ געבעט:
אַ שעפּעלע, נעבעך, איז עלנט און דורשטיק.
איך ברענג דעם אַ טרונק און אַ גלעט.

אַ פּחד וואַרפט אַן דער פאַרלאָזענער גאָרטן,
עס הענגט דאָרט אַן אומעט אין לופט.
איין טרייסט איז געבליבן — די ברכה פון הימל,
די בלום מיט איר פּראַכט און איר דופט.

עס קומען דאָרט מענטשן פון ווייט און פון נאָענט,
דעם הימלשן ווונדער צו זען:
אַ סאָסנע אין מדבר, צעבליט און צעוואַקסן,
אַזוינס איז נאָך קיין מאָל געשען.

און אויגן — זיי שטראַלן, און בלוטן זיי צינדן,
און ווייט ווערט דער ווונדער פאַרשפּרייט.
איין טויב נאָר צעוואָרקעט, איין האַרץ נאָר צעוואָרעמט —
און אַ גאַנצענע וועלט איז אין פרייד.

ביי די וועגן זיצן בעטלערס

ביי די וועגן זיצן בעטלערס —
אַלט, און קראַנק, און מיד.
אויגן — פינצטער, און זיי זינגען
אויפן קול אַ ליד.

טראָגט דאָס ליד זיך צו די הימלען,
עכאָט דאָרטן אָפּ.
וויינען הימלען — פאַלט אַ רעגן
דאָרט אויף זיי אַראָפּ.

— — — — — — — — — — — —

ביי די וועגן זיצן בעטלערס,
אויסגעשטרעקט די הענט.
אין די אויגן גרויע וואָלקנס,
און אין האַרצן ברענט.

ברענט דאָס פייער העל און העלער,
צינדט עס אָן די לופט.
צינדט עס אָן אַ ליד אין בלוטן,
ברענט דאָס ליד און רופט.

גייען מענטשן, וואַרפן גראָשנס,
ווי מע וואַרפט אַ ביין.
יעדער גראָשן איז אַ מעסער,
יעדער וואַרף — אַ שטיין.

דער בלויער פויגל

אויפן שפּיץ פון באַרג שטייט אַ בלויער פויגל.
ווי שיין עס איז! ווי גוט עס איז, ווי זיס!
אויבן איז אַ הימל, אויסגעשפּרייט מיט שטערן,
און די גאַנצע וועלט איז אונטער זיינע פיס.

טראַכט דער בלויער פויגל: פאַר אים איז דאָס געשאַפן:
דער וווּנדער־שיינער באַרג, דער הימל אין דער הויך,
פאַר פּראָסטע פויגל, טראַכט ער, גוט איז וואַלד און לאָנקע,
גוט איז פעלד און טאָלן, שטויב, און אַש, און רויך...

שפּרייט דער בלויער פויגל אויס די בלויע פליגל.
קען ווער, מיט אים, פאַרגלייכן זיך אין פּראַכט?
אַזאַ מין כישוף־פאַרב, אַזאַ מין צויבער־קלייד,
נאָר גאָט אַליין האָט עס אַזוינס פאַרטראַכט.

קוקט אַראָפּ אַ שטערן, זאָגט ער צו דעם פויגל:
— בלויער פויגל, קום! זינג מיט אונדז אין כאָר.
— זינגען? — זאָגט דער פויגל — אַ בלויער פויגל זינגט ניט,
איך האָב אַ בלויע קלייד? — גענוג פאַר מיר! ס'איז קלאָר?

— אוי, דו בלויער פויגל, נאַרישער באַרימער! —
דעם שטערנס כעס צעברענט זיך אין אַ פלאַם —
דו גרויסט זיך מיט דיין בלויקייט? — בלויער איז דער הימל,
בלויער דער פאַרטאָג איז, בלויער איז דער ים.

— און ווער זעט דיך דען? — זאָגט דער שטערן ווייטער
און זיינע ווערטער פאַלן שווער און האַרב —
יעדער איינער זעט דעם בלויען הימל,
און יעדער זעט פון ים די בלויע פאַרב.

— אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט, — לאָזט ניט אָפּ דער שטערן —
און מיינסט דאָס איז גענוג, איז נאָר דיין בלויע קלייד.
קענסטו אפשר אויך, זאָג מיר, טיפש־פויגל,
ברענגען מיט דיין קלייד אַ ביסל גליק און פרייד?

— אַ בלויע קלייד איז שיין, — קאָכט זיך אַלץ דער שטערן —
ווען דער, וואָס טראָגט די קלייד, אַליין איז אויבעט בלוי.
די בלויע קלייד אויף אים מאַכט אים בלויער, שענער.
אַ בלויע קלייד אַליין, איז אין מיינע אויגן גרוי...

לאָזט דער בלויער פויגל אַראָפּ די בלויע פליגל.
געקראַכט האָט פּלוצלונג אים אַרום די גאַנצע וועלט.
קומען אָן פון טאָלן, מיטן ווינט, געזאַנגען —
פראָסטע פייגל ערגעץ האָבן זיך צעטרעלט...

דער אַלטער און די טויב

איך האָב געזען אַ גרויסע פרייד,
די פרייד פון אַלע פריידן.
גאָט אַליין האָט עס פאַרזייט
אויף פאַרדאַרטע בייטן...

דאָס פנים דין, און דאַר און געל,
מיט טרויעריקע אויגן,
איז געזעסן אויף אַ שוועל,
אַן אַלטער מאַן, געבויגן.

אַ קליינע טויב פון לויטער ווייס,
פון קיינעם ניט געטריבן,
האָט דאָרטן, ביי דער זייט פון גאַס,
ברעקעלעך געקליבן.

דער אַלטער האָט געוואָרפן איר,
איין ברעקל נאָכן צווייטן.
אַ טיפע פרייד, אָן אַ שיעור,
האָט זיך גענומען שפּרייטן.

אַ הייב געטאָן די טויב האָט זיך,
און גלייך צו אים געקומען.
דער אַלטער האָט דעם גאַסט אויף גיך,
אויף זיינע הענט גענומען.

דער אַלטער אַ צעקוועטשטע טרויב
האָט אין זיין מויל געהאַלטן.
געפּיקט האָט עס די ווייסע טויב,
דורך זיינע ליפּן־שפּאַלטן.

ער האָט די טויב געטאָן אַ נעם
און צו זיין ברוסט געדריקט זי,
און מיט די שטראַלן אויף זיין ברעם
געצערטלט און געוויגט זי.

און וואַרעם איז דער טויב געווען,
און וואַרעם אויך דעם אַלטן.
אַ פלאַם האָט זים געטאָן אַ ברען,
זיין גאַנצן גוף, דעם קאַלטן.

שטיל די טויב געוואָרקעט האָט
און זיך צו אים געטוליעט.
האַרץ און בלוט אין לעצטן טראָט
האָבן זיך צעהוליעט.

ער האָט די טויב צוריק געבראַכט
ווידער צו די ליפּן,
אַ קוש, און הילכיק זיך צעלאַכט
מיט אַלע זיינע ריפּן.

געלאַכט, געלאַכט, פון גרויסער פרייד,
געלאַכט און — שטיל געוואָרן.
ווי די זון, ווען זי פאַרגייט —
פלאַם — און ניט געוואָרן.

די באַלאַדע פון חוה די פּאַווע

אויף אַ פאַרמע, מיט הינער און ציגן און קי,
האָט געלעבט דאָרטן אויכעט אַ פּאַווע.
געלעבט דאָרט צופרידן, אָן פראַצע, אָן מי,
איר נאָמען געווען איז דאָרט חוה.

האָט חוה די פּאַווע געהאַלטן זיך גרויס,
זיך אייביק און אייביק געבלאָזן.
געמיינט, ס׳איז פאַר אַנדערע אַרבעט און שוויס,
פאַר איר נאָר די זיידענע גראָזן.

מיט קיינעם געמישט זיך. סיי טאָג און סיי נאַכט
געלעבט דאָרט אין גאַנצן באַזונדער.
און שיין איז געווען זי, אַ זעלטענע פּראַכט,
אַ חלום, אַ הימלשער וווּנדער.

די הינער געליגט האָבן אייער אַ סך,
די קי דאָרט זיך מעלקן געלאָזן,
און כאָווע די פּאַוועס דער איינציקער פאַך,
געווען איז, זיך אייביק צו בלאָזן.

פאַר טאָג פלעגט זי לויפן זיך שפּיגלען אין טייך,
אַזוי ווי פון עמעץ געטריבן.
ווען ניט דאָרט דער היטער, וואָס קומען פלעגט גלייך,
וואָלט זי שוין אין טייך דאָרט געבליבן.

זי האָט פּאַר אַ וואָלף, וואָס געלאָפן פאַרביי,
געפּרוווט זיך באַרימעריש בלאָזן.
אַ גליק, וואָס דער וואָלף האָט דערזען גראָד דערביי
צוויי קליינע דערשראָקענע האָזן.

חוה די פּאַווע האָט קיין פריינד ניט געמאַכט,
אַפילו ניט צווישן די הענער.
שטענדיק געקוקט אויף דער זון און געטראַכט:
ווער פון זיי ביידן איז שענער.

איין מאָל האָט חוה די פּאַווע געהערט
צוויי געסט אויף דער פאַרמע, צוויי דאַמען
ריידן, און איינע דאָרט היצט זיך און שווערט:
די פּאַווע קוקט אוים ווי אין פלאַמען.

דאָס איז איר אריין, ווי אַ פליג אין דער נאָז
און גענומען פון אַלעמען ווייכן.
ניט געוואָלט זיך מיט קיינעם באַגעגנען, צו וואָס? —
איז ערגעץ פאַראַן דען איר גלייכן?

געשעט, און ניט ווייט דאָרט, צינדט אָן זיך דער וואַלד,
עס פלאַקערן ביימער און שטאַמען.
האָט חוה באַשלאָסן צו גיין אַהין באַלד,
און זען, ווער ס׳האָט שענערע פלאַמען.

און גלייך צו דעם וואַלד זיך געלאָזן אויף גיך.
דער הימל געווען איז אַ רויטער.
און פּלוצלונג דערפילט, אין גרוים שרעק, ווי אויף זיך,
איין פעדער עס ברענט נאָך דער צווייטער.

ס׳האָט חוה, אַ נאַקעטע, קוים זיך דערשלעפּט
צו אַ שאָטן, אין היץ און אין ווייען.
געלעגן, געקילט זיך, און גאַנץ אויסגעשעפּט,
באַקאַנטע געזען פאַרביי גייען.

— כ׳בין חוה — האָט שטיל זי, צו זיי זיך געווענדט —
כ׳בין חוה, איך ליג אַ צעברענטע.
נאָר קיינער האָט דער אָרעמער חוה דערקענט:
„נו ווייס איך, דאָרט עפּעס אַ יענטע"...

לאַנג איז דאָרט חוה געלעגן אַזוי,
דעם קערפּער געקילט אין די גראָזן.
קיין חבר, קיין פריינד, אין איר פּיין, אין איר ווי,
און זי האָט זיך שוין מער ניט געבלאָזן.

און חוה די פאַווע, די נאַקעטע מויד —
באַרימערם, זיי מעגן דאָס הערן —
צוזאַמען מיט הינער, געפּאַקט, אין אַ בויד,
מען פירט — און זי קאָן זיך ניט ווערן...

אַ מעשה מיט צוויי פֿייגעלעך

זיצן צוויי פֿייגעלעך יונגע אין נעסט.
זיי זענען נאָך אַלץ ביי דער מאַמען אויף קעסט.
זיי קענען נאָך, נעבעך, ניט פֿליִען.
וואַרטן אין נעסט דאָרט די פֿייגעלעך צוויי,
די מאַמע זאָל קומען מיט עסן פֿאַר זיי.
די קליינינקע אייגעלעך גליִען.

וואַרטן די פֿייגעלעך, וואַרטן זיי לאַנג.
קומט אָן דער ווינט מיט אַ טרויער־געזאַנג —
די מאַמע איז ערגעץ געפֿאַנגען.
פּישטשען די פֿייגעלעך, שטיל אין געוויין.
ביידע געבליבן זיי זענען אַליין,
און ניטאָ מער דער מאַמעס געזאַנגען.

טרייסט זיי דער ווינט: העי, מע דאַרף האָבן מוט!
צו פּישטשען אַזוי אין דער שטיל איז ניט גוט,
עס וועט אייך דאָ קיינער ניט הערן.
פֿייגעלעך דאַרפֿן זיך העלפֿן אַליין,
שטעלט זשע גלייך אָפּ אייער שטילן געוויין,
און ווישט אָפּ די קליינינקע טרערן.

אַלץ וואָס איר דאַרפֿט, איז אַ ביסעלע מי,
אַ שפּרייט אוים די פֿליגל, אַ הייב און אַ פֿלי,
און גלייך אין דער וועלט אין דער ברייטער!
און איך וועל אייך פֿירן, אייך ווייזן דעם וועג,

און רויק זייט, פייגעלעך, האָט ניט קיין שרעק!
אַ פייגעלע דאַרף ניט קיין לייטער.

טוען אַ הייב זיך די פייגעלעך צוויי,
דער ווינט האָט פאַרגעסן, געטאָן זיך אַ דריי —
און די פייגעלעך פאַלן צוזאַמען.
ליגן זיי אונטן, ביים שטאָם פונעם בוים,
קוקן, מיט וויי, אין דער הויך צו דער היים,
פישטשען, און רופן דער מאַמען.

— — — — — — — — — — — — — —

זיצט זיך אַ פויגל אין גאָלדענער שטייג,
זינגט ער אַ ליד פון אַ נעסט אויף אַ צווייג,
פון פייגעלעך עלנט געבליבן.
זאָגט מען: דער פויגל, ער זינגט אַזוי שיין,
יעטוועדער טרעל זיינער פול איז מיט חן,
געוויס אַלע זאָרגן פאַרטריבן.

אַ מעשה מיט אַן אמת און אַ ליגן
וואָס האָבן זיך אויפגעהערט צו קריגן

ר׳ יודל דער אמת, און יאָשקע דער ליגן,
צוויי ביטערע שונאים, און ניט נאָר פון היינט,
האָבן איין מאָל באַשלאָסן זיך מער ניט צו קריגן,
און אפשר אויך פּרוּוון צו ווערן גוט-פריינד.

ר׳ יודל דער אמת, מיט גרויס הדרת-פּנים,
האָט געטראַכט וועגן דעם שוין אַ לענגערע צייט:
צו וואָס זיך נאָר קריגן, און אייביק זיין שונאים?
מע קען אפשר מאַכן פון יאָשקען אַ לייט.

און אַזוי האָט ר׳ יודל, אין נאָמען פון שלום,
וואָס דאָס איז דער טרוים פון דער גאַנצענער וועלט,
באַשלאָסן, אַז דאָס זאָל ניט זיין מער קיין חלום,
און יאָשקען געלאַדן צו זיך אין געצעלט.

יאָשקע דער ליגן האָט גוואַלדיק דערפרייט זיך.
אַ ווּנדער! אַ ווונדער! וואָס קען גאָר געשען!
געקומען צום אמת און באַלד דאָרט, פאַרשטייט זיך,
געפּרוּווט, ווי געוויינלעך, צו טאָן וואָס ער קען.

צום ערשטן ר׳ יודלען באַרויִקט, פאַרזיכערט,
אַז ער קומט, ווי אַ פריינד, און אים גלויבן ער מעג.
און דאַן, אַ צעקאָכטער, געשטורעמט געוויכערט,
אַז דער וועג פון דעם אמת איז אויכעט זיין וועג.

געקוקט דאַן ר׳ יודלען פון קאָפּ ביז די פיס אים:
— עס שיינט אייער פּנים אַזוי ווי די זון.
איך זאָג, בנאמנות, עס איז נאָר מיט נסים,
וואָס מענטשן זיי ווערן גאָר בלינד ניט דערפון.

אָבער אייער הילוך, ר׳ יודל, כ׳זע ריסן און בלאַטע,
זייט מוחל, איך בעט אייך, ווי פּאַסט עס פאַר אייך?
כ׳וועל מאָרגן אייך ברענגען אַ נייע קאַפּאָטע,
און די זאָלט איר אויסטאָן, און טאַקע דאָ גלייך.

און די שיך, ר׳ יודל, איר דאַרפט זיך דאָך שעמען!
זיי פּאַסן זיך נאָר פאַר אַ בעטלער אין גאַס.
טוט אויס זיי, מיין פריינד, זאָל דער טייוול זיי נעמען! —
און יאָשקע ווערט גרויס, און ווערט ברייט, ווי אַ פּאַס.

— און זעט נאָר די הויזן! אוי ווײ מיר, די הויזן!
איר זאָלט אַזעלכענע טראָגן אויף זיך?
זיי קוקן דאָך אויס, ווי פאַרוויאַנעטע רויזן —
טוט אויס זיי, ר׳ יודל, טוט אויס זיי אויף גיך.

און דאָס היטל, ר׳ יודל, נו זע נאָר אַ היטל! —
זאָגט יאָשקע צום אמת, און טוט זיך אַ נויג —
פון היינט אָן און ווייטער, פאַראַן איז אַ מיטל,
אייער אויסזען זאָל פּשוט פאַרכאַפּן דאָס אויג.

אַזוי האָט, אָן אָפּשטעל, דאָרט יאָשקע דער ליגן,
אַן אויסגעפּוצט פּראַנטל, אַ פריילעכער יונג,
גערעדט צו דעם אמת. זיין קול איז געשטיגן,
און געזשאַרעט, געברענט האָט דאָס וואָרט אויף זיין צונג.

כ'הייב אָן אים צו גלויבן, פאַרטראַכט זיך דער אמת,
כ'האָב קיין מאָל אין שפּיגל אַ קוק ניט געטאָן.
און צו ווייזן זיין פרייד, אַז אים קלאָר איז דער רמז,
האָט ר' יודל זיך נאַקעט כמעט אויסגעטאָן.

— און איצט — רופט אוים יאָשקע — מיר גייען אין דרויסן ! —
און, פון פרייד, ביי דעם ליגן, צעקאָכט זיך דאָס בלוט :
— די וועלט זאָל אייך זען, און נאָר דאָס בין איך אויסן,
ווי שיין איר זייט, אמת, ווי פּרעכטיק, ווי גוט.

דער אמת, איין רגע, ווי ער האָט אויפגעהערט טראַכטן,
ער האָט זיך געפּאָלגט און געעפנט די טיר,
האָט געפונען זי גלייך הינטער זיך אַ פאַרמאַכטע,
און געהערט יאָשקען הירזשען, ווי אַ פערד אָן אַ שיעור.

דער ליגן, דאָס ווייס שוין איצט יעדער, וואָס קאָן אים,
פון ירשנען יודל דעם אמת'ס געצעלט,
האָט אויבעט גערשנט זיין פול הדרת פּנים,
און נאַרט מיט דעם אָפּ איצט די גאַנצענע וועלט.

— — — — — — — — — — — — — —

עס זענען די וועגן פון לעבן גאַנץ קלאָרע,
און דאָס איז באַוווּסט, זיך צו וווּנדערן קוים :
אַז מאַכט אַ מאָל אמת מיט ליגן אַ פּשרה,
בלייבט ער אי נאַקעט, און אויך אָן אַ היים.

פּ אַ ל ק ס מ אַ ט י ו ו ן

לויטער־ווייסע טייבעלעך

לויטער־ווייסע טייבעלעך וואָרקען אין די שלאַקן —
איך האָב געקענט אַ מיידעלע, מיט גריבעלעך אין באַקן:
אַ זיסער, גוטער מלאכל, אַ ליבינקע נשמה,
טאַטע־מאַמעס אויג אין קאָפּ, די פרייד און די נחמה.

פייגעלעך באַגינען פון דער נעסט אַוועקגעפלויגן —
איך האָב געקענט אַ מיידעלע מיט שמייכלדיקע אויגן,
און בלויער פון דעם הימל — אַזוינס ניט צו געפינען.
פלעגט אויפשטיין מיט די פייגעלעך צו שפּילן זיך באַגינען.

די זון הייבט אָן אהיימצוגיין אין טונקעלע פאַרנאַכטן —
איך האָב געקענט אַ מיידעלע מיט צעפּעלעך — צוויי פראַכטן,
מיט קאַרשן־רויטע ליפּעלעך, וואָס אייביק נאָר זיי לאַכן.
איבער אָט דאָס מיידעלע גאָט אַליין פלעגט וואַכן.

עס ציטערט יעדער בוים אין וואַלד — די העקערס אָנגעקומען.
מיידעלעך און ייִנגעלעך — שטערנדלעך און בלומען —
געבראַכט פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר באָבע און פאַר זיידן,
אַזוי פיל גליק אין לעבן זיי, אַזוי פיל גרויסע פריידן!

ווּ זענען זיי, די פּערעלעך, די בלימעלעך, די שטערן?
די משהלעך, די שלמהלעך? — עס שטיקן מיך די טרערן.
זיי שטייען פאַר די אויגן מיר — מיין האַרץ איז מיר אַ טריבע,
ווּ זענען זיי, די טייבעלעך, די קינדערלעך, די ליבע?

איך האָב מיר געקויפט אַ גיטאַר

איך האָב מיר געקויפט אַ גיטאַר,
מיט סטרונעס געגאָסן פון שטאָל.
שפּיל איך אַ ניגון פון צער,
זינג איך און וויין אויף אַ קול.

פרעגט מען מיך: זאָג אונדז נאָר דו,
פאַר וואָס אַזאַ ביטער געוויין?
ענטפער איך: כ'ווייס ניט אַוווּ
עס געפינט זיך מיין מאַמעס געביין.

הערט מען דעם ניגון ניט מער,
בלייב איך אַליין מיט מיין צער.
שפּיל איך און זינג, און אַ טרער
פאַלט און מאַכט נאַס מיין גיטאַר...

שטייט אַ פויגל אויפֿן בוים

שטייט אַ פויגל אויפֿן בוים —
זינגט ער ניט קיין לידער.
איך האָב געהאַט אַ מאָל אַ היים,
שוועסטערלעך און ברידער.

אַ רשע האָט מײַן היים פֿאַרברענט,
און די קליינע קינדער
דער רשע האָט מיט זײַנע הענט
געשאָכטן ווי די רינדער.

שטייען טויבן אויפֿן דאַך —
וואָרקען זיי ניט דאָרטן.
איך האָב געהאַט אַ מאָל אַ סך
בלומען אין מײַן גאָרטן.

געקומען איז אַ בייזער ווינט,
אין אַ טאָג אַ שוואַרצן.
פֿון אַלץ געבליבן, וויי און ווינד,
אַ ווונד מיר טיף אין האַרצן.

ווײ און ווינד

פאַר וואָס אַזוי יאָמערט דאָס קינד אין דער פרי,
ווען זון קוקט אַרײַן אין זײַן וויג מיט אַ גלי.
פאַר וואָס אַזוי יאָמערט דאָס קינד? —
ווייל מאַמע ניטאָ אים צו זינגען ליו־ליו,
און קושן די אויגן, וואָס מאַכן זיך צו,
ווייל מאַמע ניטאָ, ווײ און ווינד.

פאַר וואָס אַזוי וואָיעט אויף בייטן דער ווינט,
ווען עס וואַקסט שוין אַרום, און עס בליט און עס גרינט.
פאַר וואָס אַזוי וואָיעט דער ווינט? —
ווייל זון אויף די בייטן, פון רויך, איז פאַרשטעלט,
און זאַנגען ניטאָ דאָרט צו ווייען אין פעלד,
און זאַנגען ניטאָ, ווײ און ווינד.

פאַר וואָס אַזוי טרויערט דער פויגל אין וואַלד,
און זינגט ניט, ווען פרילינג איז לאַנג שוין צעשאַלט.
פאַר וואָס טרויערט דער פויגל אַצינד? —
ווייל ערגעץ־ווו ברידער דאָרט האָבן זיך פיינט
און אַ וועלט איז אין פלאַמען, און ווייטאַגט און פיינט,
און ווייטאַגט און פיינט, ווײ און ווינד.

„בערל מיטן פידל״

געווען אַ מאָל אַ שטעטל,
פול מיט „ברויט און זאַלץ״.
געבליבן איז אַ ברעטל,
וואָס דערציילט פון אַלץ.

בערל מיטן פידל,
יאָסל מיטן באַס.
געשפּילט אַ מאָל אַ לידל,
פון פרייד, און גליק, און שפּאַס.

געגאַנגען צו אַ „סיום״,
אַ זינג טאָן און אַ שפּיל.
ניטאָ דער גאַנצער קיום,
מע סיומט ניט, ס׳איז שטיל.

געגאַנגען אויך צו בריתן —
שיר־המעלותן אויף ווענט.
שוין דער לעצטער ביסן.
ניטאָ מער — אַלץ פאַרלענדט.

באַזעצט מען חתן־כלה
מיט אַ טרערן־קראַנץ.
מחותנים אַלע,
אין אַ כשר־טאַנץ.

פירט מען צו דער חופּה.
דער חתן זאָגט „כדת".
מיטן פּוס אַ טופּע —
עס הערט די גאַנצע גאַס.

— — — — — — — —

דער חתן איז ניטאָ מער,
די כלה אויכעט פעלט.
אַ בייזע שעה, אַ יאָמער,
קיין חופּות מער געשטעלט.

בערל מיטן פידל,
יאָסל מיטן באַס,
שפּילן איצט אַ לידל,
פון טרערן און פון האַס.

זעץ איך אַוועק זיך ביים אַלטן קלאַוויר...

זעץ איך אַוועק זיך ביים אַלטן קלאַוויר —
שפּיל איך פון אומעט אַ ניגון:
ערגעץ-ווו מאַמעס אין פּיין אָן אַ שיעור,
וויינען ביי ליידיקע וויגן.

קוקט די לבנה אַריין אין מיין שויב,
מיט טרויער און צער אין די אויגן.
קומען אָן ווינטן מיט אַש און מיט שטויב —
די וועלט ווערט מיט חושך פאַרצויגן.

זעץ איך אַוועק זיך ביים אַלטן קלאַוויר —
שפּיל איך אַ פריילעכן ניגון:
קינדערלעך שטיפן אין פרייד אָן אַ שיעור,
און לאַכן און שפּרינגען אויף שטיגן.

קומט מיר אַנטקעגן די „ביטערע שעה״:
שטיגן צעבראָכן, צעריסן.
די קינדערלעך, ווי מיר, זיי זענען ניטאָ,
שלאַנגען דאָרט שיפּען און היסן.

— — — — — — — — — — — —

זעץ איך אַוועק זיך ביים אַלטן קלאַוויר —
שפּיל איך ניט — כ׳זיץ נאָר אַ מידער.
עס וועלן שוין קיין מאָל פאַרשווינדן פון מיר,
פון אומעט און טרויער די לידער.

„אַ מעשה מיט אַ ציגעלע אַ ווייסע"

כ'וועל זינגען היינט מיין איייניקל אַ ליד,
פון אַ ציגעלע אַ ווייסינקע, וואָס היט
אַ וויגל, ווי אַ משהלע אַ מאָל,
פלעגט חלומען פון שעפּסעלעך אין טאָל.
דאָס ציגעלע ביים וויגעלע איז דאָ,
נאָר משהלע איז דאָרטן מער ניטאָ.

דערציילן כ'וועל אַ מעשהלע דעם קינד,
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, וואָס דער ווינט
געקומען איז צעוויכערט פון אַ לאַנד,
ווי פאַרשטעלט דער זון האָט דאָרט אַ שוואַרצע וואַנט.
געקומען אין אַ בייז־און־וויסטער שעה
און די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען — מער ניטאָ.

כ'וועל דערציילן אויך דעם קינד פון אַ יאַריד,
ווו האַנדלען איז געגאַנגען דאָרט אַ ייד,
מיט באָקסערלעך און פייגן זיסע אויך.
איז אַ פייער אויסגעבראָכן מיט אַ רויך.
געוואָרט אויף אים האָט לאַנג אַ קינד אין וויג —
זיין טאַטע ניט געקומען איז צוריק.

זענען אָפּגעברענט די ביימער

זענען אָפּגעברענט די ביימער —
זיצן פֿייגל אויף די צאַמען.
טראַכט איך שטענדיק פֿון מיין טאַטן,
טראַכט איך שטענדיק פֿון מיין מאַמען.

זענען איינגעפֿאַלן די דעכער —
וואָרקען טויבן אויף די גאַסן.
טראַכט איך שטענדיק פֿון מיין ברודער,
מיטן פּנים, מיטן בלאַסן.

זענען זונלאָז די פֿרימאָרגנס —
שטייען סאַסנעס איינגעבויגן.
טראַכט איך שטענדיק פֿון מיין שוועסטער,
מיט די גרויסע בלויע אויגן.

וואָיען ווינטן אויף די ימען —
ברענט דער מזרח אין באַגינען.
טראַכט איך פֿון אַ היים אין פֿלאַמען,
קען איך זיך קיין טרייסט געפֿינען...

אויפן דאַך שטייט אַ האָן

אויפן דאַך שטייט אַ האָן,
אַ האָן מיט רויטע קאַמען —
איך האָב געלאָזן גיין מיין שיף
איבער אַלע ימען.

קומט אַ ווינט, קרייט דער האָן,
קען מען אים ניט הערן —
איך האָב געלאָזן גיין מיין שיף
אונטער אַלע שטערן.

קרייט דער האָן אין דער שטיל,
קרייט ער צו די הייכן —
גייט מיין שיף פון ים צו ים,
און קען אַ ברעג ניט גרייכן...

ווײנט אַ פֿויגל

ווײנט אַ פֿויגל אויף אַ בוים,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.
ער האָט געהאַט אַ מאָל אַ הײם —
טרערן זײַנע אויגן.

קומט פֿון ערגעץ אָן דער ווינט:
העי! וואָס זאָל דאָס מײנען?
עס ווײנט אַ פֿויגל, ווי אַ קינד,
אַ זינגער זאָל גאָר ווײנען?...

קוקט אַ שטערן דאָרט אַראָפּ:
וואָס איז דאָרט געוואָרן?
פֿײגל בײגן אײַן דעם קאָפּ,
און זינגען ניט אין כאָרן.

הערט אַ סאָווע פֿון דער ווײט,
קלוג און פֿול מיט ווײסן:
וווּנדערט ניט! ס'איז איצט אַ צײַט,
ווען ס'ווערט אַ האַרץ צעריסן.

איצטער ווײנען זינגערס אויך
אַ מאָל אין מיטן זינגען;
איצט פֿײערם האָבן צו פֿיל רויך,
איצט שווערדן צו פֿיל קלינגען...

דאָס ליד פונם אַלטן שומר

זינגען פייגל אויף דיביימער.
בין איך מיר אַן אַלטער שומר,
אַ שומר מיט אַ גלי.
אַ גרויסער נס האָט מיר געטראָפן:
נעכטן איז דאָס ווייב אַנטלאָפן —
איידאַ — דידל־די!

די סטערוווע האָט געזען דורך שפּאַלטן,
ווו אַ מטמון כ'האָב באַהאַלטן,
נעכטן אין דער פרי.
האָט זי שפּעטער אים געפונען,
מיט אַ יונג דערנאָך אַנטרונען —
איידאַ — דידל־די!

וועמען אַרט עס? זאָל זי לויפן!
איך וועל גיין מיר משקה קויפן,
משקה מיט אַ ברי.
אַבי אַ טרונק איז נאָר פאַראַנען,
מעג זי צו דעם טייוול שפּאַנען —
איידאַ — דידל־די!

ניט קיין היים, און אויך אַ ווייב ניט,
און אַ העמד אויך אויפן לייב ניט,
לאַטעס אויף די קני...

שפּיי איך אויף דער וועלט אין גאַנצן,
און אַ דזשיג איך לאָז מיך טאַנצן,
איידאַ — דידל־די!

איז מיין מזל זיין אַ היטער
פרעמדע היימען, פרעמדע גיטער
יעדע נאַכט ביז פרי.
טאַנץ איך און איך זינג אַ לידל
איידאַ — דידל־דידל־דידל,
איידאַ — דידל־די!

דאָס ליד פונם יונגן שמיד

בין איך מיר אַ שמיד,
זינג איך מיר אַ ליד,
בלאָז איך מיטן בלאָזער אויפן פייער.
שמיד איך אוים אויף גיך,
דעם פערדל אַ פּאָר שיך,
אַ וואָגן היי צו פירן אין דעם שייער.

בין איך מיר אַ שמיד.
די קאָוואַדלע גליט.
ברענט זי, ווי עס ברענען מיינע בלוטן:
ליפּן — קאַרשן־רויט,
באַקן — זון־פאַרזייט,
און אויגן ווי צוויי זשאַרעדיקע גלוטן.

בין איך מיר אַ שמיד,
און אין הארצן זידט —
שמיד איך אוים פון קופּער מיר אַ טעלער.
וועט מען עסן פיש,
ביי געדעקטן טיש,
און טרינקען וועט מען רויטן וויין פון קעלער.

בין איך מיר אַ שמיד —
געפעלט דער שידוך ניט,
איז פאַראַן דאָ מיידלעך — אַ מחיה!
פליִען פונקען הויך,
דורך געדיכטן רויך.
כ׳וועל נעמען היינט אַ כלה מיר אַ נייע.

דאָס ליד פון דער נייטאָרין

איך בין אַ נייטאָרין און ניי,
האָב איך אויגן בלויע צוויי,
וועט פאַרליבן זיך אין זיי
אוי, אַ יונג מיט ביינער.

ניי איך, ניי איך אָן אַ שיעור,
וועט דער יונג דאָרט ביי דער טיר
שטיין און וואַרטן לאַנג אויף מיר,
אויף זיין איינציק־איינער.

וועט דער יונג דאָרט וואַרטן לאַנג.
טוט עס מיר דאָך טאַקע באַנג —
אפשר וועט ער גיין זיין גאַנג,
און ניט וועלן וואַרטן...

ניי איך, און די צייט זי פאָרט.
אוי, ווי כ׳האָס דעם זייגער דאָרט!
זע, ער רירט זיך ניט פון אָרט,
ווי פון פעך פון האַרטן.

ניי איך, ניי איך וואָך נאָך וואָך.
ניי איך, און מיט יעדן שטאָך,
ווערט אין לונג ביי מיר אַ לאָך.
כ׳זע דעם תהום דעם שוואַרצן.

כ׳בין אַ נייטאָרין און ניי,
און די אויגן טוען וויי,
און אין האַרצן ברענט אַזוי,
ברענט אַזוי אין האַרצן.

דאָס ליד פון דעם פויגל אין גאָלדענער שטייג

אַ גאָלדענע שטייג איז אויכעט אַ שטייג,
ווי אַ גאָלדענע קייט איז אַ קייט...
בעסער צו זיצן אין נעסט אויף אַ צווייג,
אין אַ וועלט, וואָס איז אָפן און ברייט.

איך זינג אין דער פרי ווען די זון קומט צו גיין.
איך זינג ניט פון גליק און פון פרייד.
איך זינג, און אין הארצן דאָרט ברויזט אַ געוויין,
פון בענקשאַפט, פון פיין, און פון לייד.

מיין היים איז אַ פּאַלאַץ, מיין עסן אין צייט,
אין צייט ברענגט מען אויך מיין געטראַנק.
און גוט צו מיר, ווארעם און ליב זענען לייט —
מיין פּאַלאַץ דאָך איז אַ געפאַנג...

מקנא איך בין מיינע ברידער אין וואַלד,
דאָס לעבן דאָרט האַרט איז און שווער.
דאָך זינגט מען דאָרט פריילעך, צעברויזט און צעשאַלט,
די לידער אָן ווייַ, אָן אַ טרער.

אַ שטריק, ווען געפלאָכטן פון זייד, איז אַ שטריק
און אַ היים אָן אַ זון איז קיין היים...
אָ, עפן דעם „פּאַלאַץ" און לאָז מיך צוריק
פריי, אין אַ נעסט אויף אַ בוים!

דאָס ליד פונעם פאַסטעך

בין איך מיר אַ פאַסטעכל,
אַ פאַסטעכל אַ יונג.
היט איך מיינע שעפּסעלעך,
אַ גאַנצע נאַכט אין טאָל.
טו איך צו די שטערן דאָרט
אין הימל זיי אַ ווונק —
זינגען זיי מיר לידעלעך,
שיינע אָן אַ צאָל.

פרעגט מען מיך: זאָג נאָר דו,
העי דאָרט, יונגער-מאַן,
וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן דאָ,
אַ גאַנצע נאַכט אַליין?
ענטפער איך: דאָ ביימעלעך
און פייגעלעך פאַראַן,
און ברייט איז דאָ, און פריי איז דאָ,
און גוט איז דאָ, און שיין.

בין איך מיר אַ פאַסטעכל,
בין איך מיר אַ יונג.
צינד איך אָן אַ פייערל,
און וואַרעם זיך דערביי.

עפן איך אַ פלאַשקעלע,
טו איך מיר אַ טרונק,
זינג איך מיט די שטערן דאָרט,
פריילעך, הויך און פריי.

מאַך איך צו די אויגן מיר,
נאָר פאַר איין מינוט,
דאַכט זיך מיר: עס קומען פון
דער ווייטנס שטילע טריט —
צעזשאַרעט זיך דאָס בלוט אין מיר,
העל, אַזוי ווי גלוט;
צעברענען זיך די אויגן מיר,
און אין האַרצן גליט.

זיץ איך ביי דעם פייערל,
חלום איך אַזוי:
ליפּן, ווי די קאַרשן, רויט,
קושן זיך געשמאַק,
לאַכעדיקע, שטעכעדיקע
אויגן בלויע צוויי...
צום טייוול! ס'איז אַ חלום נאָר,
דער גאַנצער האַק־און־פּאַק...

מילא, נו! וויל זי ניט
וויסן מער פון מיר.
זיפץ איך ניט, פאַל איך ניט
אַריין אין אַ געוויין.

די גאַנצע וועלט פאַר מיר איז דאָ
אַ ברייט־צעפּראַלטע טיר,
און האָב איך מיינע שעפּסעלעך —
בין איך ניט אַליין...

ווען דער שטורעם וועט אַוועק

דער פלאַמיקער שטורעם פון ים וועט אַוועק —
וועט קומען די שיף די דערוואַרטע צום ברעג.
וועט שוין ניט זיין מער קיין אַנגסט און קיין שרעק,
און ליכטיק וועט ווערן אויף שליאַך און אויף וועג.

וועט קומען די בשורה, אַז די שיף איז שוין דאָ —
וועלן מיר אַלע אין דער ליכטיקער שעה,
אין פרייד, וואָס דער שטורעם איז מער שוין ניטאָ,
הילכיק אַ רוף טאָן אַ „ברוך הבא".

וועט ענדלעך די שיף אין איר האַפן אַריין —
וועט קיינער מער ליידן פון וויי און פון פיין,
נאָר זינגען און טאַנצן און טרינקען דעם וויין,
און לעבעדיק־ליכטיק, און פריילעך וועט זיין...

זינגען ווינטן

זינגען ווינטן אין די צווייגן,
זינגען זיי און ברומען —
ערגעץ פון אַ לאַנד אַ ווייטן,
וועט מיין חתן קומען.

שפּרייטן אָדלערס אויס די פליגל
אויף אַ באַרג אַ הויכן —
פון דעם ווייטן לאַנד מיין חתן,
באַלד וועט ער מיך גרייכן.

קערט מען שטויב אַראָפּ פון גאַסן,
שטיינער פון די וועגן —
אין אַ ווייסע קלייד מיין חתן
וועל איך גיין אַנטקעגן.

דעקן וואָלקנס צו די הימלען,
לעשן אויס די שטערן —
ברענען, פלאַמען מיינע באַקן
זודיק-הייסע טרערן.

שטיי איך ביי דעם הייסן אויוון

שטיי איך ביי דעם הייסן אויוון —
באַק איך ווייסע חלה.
עס וועט מיין טאָכטער זיין אין גיכן
אַ פאַרפּוצטע כלה.

שטיי איך ביי דעם הייסן אויוון —
פרעגל איך דאָרט גריבן.
עס וועט מיין טאָכטער גאָט באַלד שיקן
אַ חתן גאָר אַ ליבן.

שטיי איך ביי דעם הייסן אויוון —
קאָך איך דאָרטן צונגען.
ס'וועט זיין מיין טאָכטערס חתן שענער
פון די שענסטע יונגען.

שטיי איך ביי דעם הייסן אויוון —
קאָך איך זיסע מערן.
פאַלן איבער מיינע באַקן
פון די אויגן טרערן...

וואַקסן בלומען

וואַקסן בלומען ביי מיין פענצטער,
איינס פון צווייטער שענער.
עס וועט מיין חתן זיין דער שענסטער
פון די שענסטע מענער.

זייט מען קאָרן אויף די פעלדער.
ס'וועט גאָט מיט שפע בענטשן.
עס וועט מיין חתן זיין דער בעסטער
פון די בעסטע מענטשן.

לייגט מען ברעטער איבער גריבער,
איבער טייכן — בריקן.
עס וועט מיין חתן זיין אַ ליבער,
צו זיין ברוסט מיך דריקן.

זינגט און לאַכט דאָס קינד באַגינען —
זינגט און לאַכט די מוטער.
איך וועל שטענדיק ביי מיין חתן,
עסן ברויט מיט פּוטער.

וועלקן מיינע שיינע בלומען.
אַלע בריקן פאַלן.
פון מיין האַרץ, מיט הייסע טרערן,
שלאָגן גאַנצע קוואַלן...

זאָגט צו מיר דער בחור

זאָגט צו מיר דער בחור:
— נאַרעלע, ניט וויין.
מיר וועלן צו דער חופּה
גאָר אין גיכן גיין.

זאָגט צו מיר די מאַמע:
— ווי איז מיר און ווינד!
לייט וואָס וועלן זאָגן?
אָ, מיין אָרעם קינד!

זאָגט צו מיר דער טאַטע,
און ס'ברענט זיין קול ווי גלוט:
— שטעלן גלייך אַ חופּה!
ניט וואַרטן קיין מינוט!

וויין איך אויף מיין מזל,
אויף דער בייזער שעה.
עס וועט ניט זיין קיין חופּה —
דער בחור איז ניטאָ...

געדענקסט?

מיין ליבסטן חבר, מיין בעסטן פריינד, מיין פעגין

געדענקסט, ווען מיר זענען, ווי ווערבעס געווען,
וואָס ווייען פאַר טאָג אין דעם ווינט?
דאָס האַרץ האָט געזונגען צעברויזט, מיט אַ ברען,
ווי עס זינגט אין באַגינען אַ קינד.

מיר זענען, פון לאַנג שוין, ווי ווערבעס ניט מער,
נאָר אַלטע טאָפּאָליעס אין וואַלד.
דער ווינט אַ מאָל כאַפּט-אויף אַ זיפץ און אַ טרער
און עס לעשט זיך אַ שטערן און פאַלט.

עס ווילט זיך נאָך זינגען, אַזוי ווי אַ מאָל,
ווי ווערבעס אין ווינטן-געדריי.
ניטאָ מער דאָס פייער, דער ברען מער אין קול,
און עס בענקט זיך, עס בענקט זיך אַזוי.

וויין ניט, מיין לעבן, אויף טעג וואָס אַוועק,
אויף דאָס וואָס עס קומט ניט צוריק.
נאָך לאַנג און נאָך ליכטיק וועט זיין אונדזער וועג,
מיר וועלן נאָך האָבן פיל גליק.

אַ טייערע מיינע, ווי גוט איז צו זיין
שטענדיק צוזאַמען מיט דיר!
דיין וואַרעמער אָטעם, די לויטערע שיין
פון דיין אויג, צינדט אַ ליד אָן אין מיר.

און ווידער צעווייען זיך ווערבעס אין ווינט,
און ווידער דער הימל ווערט בלוי,
און עס עכאָט פון ערגעץ געזאַנג פון אַ קינד,
און גלעט ווי פאַרטאָגיקער טוי...

מיין אייניקל מיט די שפרינקעלעך

וואָרקען טויבן אויפן דאַך —
האָט מיין אייניקל אַ סך
שפּרינקעלעך אויף די באַקן.
יעדעס שפּרינקעלע איז שיין,
אַ געשאַנק פון גאָט אַליין,
אויף איר גאַנצן נאַקן.

וואָס וועט זי מיט די שפּרינקעלעך טאָן? —
זיי אַרויפטאָן אויף אַ פאָן,
און גיין מיט זיי שפּאַצירן.
וועט מען דערוויסן זיך דערפון,
אַז עס גייט אַרום אַ זון,
און עפענען אַלע טירן.

וואָס זשע וועט זי שפּעטער טאָן,
ווען עס וועלן אויף איר פאָן
די שפּרינקעלעך פאַרשווינדן? —
זי וועט גיין, און טאָן אַ נעם,
אַ העלן שטראַל וואָס אויף איר ברעם,
און די וועלט אָנצינדן.

וועט אין יעדן מענטשס געצעלט,
אין דער גאָרער, גאָרער וועלט,
דאָרטן ליכטיק ווערן.
וועט זיין אין יעדנס אויג אַ גלאַנץ,
וועט יעדער איינער גיין אַ טאַנץ,
און זינגען מיט די שטערן.

וועט מען הייבן הויך אַ כּוס,
און מ'עט טרינקען אָן אַ מאָס,
פֿאַר שטראַלן און נחמה —
צו מיין איינינקל פֿון פיר,
עס זאָל מיר נאָר זיין פֿאַר איר —
די ליבינקע נשמה!

אינהאַלט

7 ✡ (פאַראַן אַזוי פיל שיינקייטן אין לעבן)

מיין ליד

11 מיין ליד
12 מיין לשון
13 פרעג מיך ניט פאַר וואָס
14 פרייד
15 גאָטס מעת־לעת
16 דערנער פלאַנצט מען ניט
17 ווי אַ זעלנער אין ריי
18 איך האָב ניט קיין טענות צום לעבן

געזאַנג פון די שטערן

23 דער פולער כוס
25 געזאַנג וואָס מער
27 לעבנס־פרייד
28 אַ זיפץ פאַרוואַנדלט אין אַ שמייכל
29 גיב מיר דיין האַנט
30 גאָטס וווּנדער
31 קום מיט מיר
32 פאַר יעדער טרער
33 דאָס וווּנדער־געזאַנג
34 קומען מענטשן און זיי פרעגן
36 (פאַר ווען עס זעען די זון און די שטערן)

פלאַם פון בטחון

39 אין צעשפּרודלטן געמיט
40 אין נביאס טריט
41 היינט
42 יונג אין האַרץ
43 ניט זאָרג

44 עס פרעגן מיך מענטשן
45 פייגל אויףביימער
46 די זון וועט קומען מאָרגן
47 אין געזאַנג פון בטחון
48 ווען דאָס האַרץ איז אָנגעלאָדן
49 דער וועג צו די שטערן
50 ווייל איז דעם טרוימער
51 אין זון און בטחון
52 לאָז מיך ניט פאַרשעמען זיך אַליין
54 און עס קומט אַ טאָג אַ גרויער
56 טאָג אַנטקעגן
57 און אויך דאָס איז אַ חלום
58 קומט, לאָמיר זינגען
59 בטחון
60 גוט איז
61 ווען טריט ווערן לאַנגזאַם

צווישן טאָג און נאַכט

65 שטילקייט
66 שיינקייט
67 ליבשאַפט
68 נאַכט
69 ניטאָ נאָך אַזאַ פּראַכט
70 מאַי
71 דער דינער פאָדעם
72 קהלת
73 ניט דער פויגל איז דער עיקר
74 אין מיין האַרצן וויינט אַ פויגל
75 דאָס וואָרט
76 מיין ניט
77 גאָט האָט מיר געגעבן

ווינט און געוויטער

81 ווי גוט וואָלט זיין
82 מיט געלייטערטן טרויער
83 „זוניקע ברילן"
84 ניט פאַרשטום אין מיר די לידער
85 כאָרן

86 אַ רעגן־טראָפּן
87 פון דאָס וואָס ניטאָ
88 משפּט אים ניט
89 וואָס וואָיעט דער ווינט
90 דערפאַר
91 דער זייגער
92 אַ מאָל ווען דער אומעט
94 אויף פאַרגעסענע שוועלן
95 די שטאָט
96 ד ו
97 אַזוי ווי די גראָזן
98 דיין געשטאַלט
100 בענקשאַפט
101 מיין געמיט
102 דאָס ניט־דערזאָגטע וואָרט
103 לאָז מיך חלומען
104 אויב עס וועט מיר זיין באַשערט

פון תהומען און הויכן

107 דערלייזונג
109 דאָס נייע ליד
110 פאַראַן אַזאַ לאַנד
111 אין מיין גאָרטן וואַקסן בלומען
112 עכאָס
113 און עס ציען זיך די שעהען
114 אַלע ווייסע טויבן...
115 ווען דער ים ווערט צערייצט
117 ווער עס וואַנדערט אין וווּנדער
118 עס ווילט זיך מיר זינגען
121 שוועלן
122 ווערטער
123 נעם זיך ניט איבער
124 גאָטס געשאַנק
125 גיב מיר דעם כוח
126 עס לעכצט מיין נשמה
127 לאָמיר פאָלגן דעם רוף
128 סאַלוט
129 דער מאַרש

130 ווען אַ ליד איז ניט פאַרענדיקט
131 אין איינצל־קאַמער

בלעטער פאַלן

135 אין געפאַנג פון פאַרנאַכטן
137 אין שווערע שעהען
138 מיינע טרוימען
139 היינט ווילט זיך מיר וויינען
140 דער אַלטער זייגער
141 אין דעמער
142 חלום פון טריט
143 איך און דער שיכור
144 לאָז מיך טרינקען פון דיין ברונעם
145 אַ טאָג אַזאָ
146 אין שווערן געמיט
147 די וועלט וואָס איך זוך
148 צופוסנס פון באַרג
149 ווען עס פאַלן די בלעטער
150 דווקא

די צעדערס וואַקסן ווידער

153 איך האָב דיך קיין מאָל ניט געזען
154 לאָמיר בויען
156 דער וועג

דער פאַרברענטער וואַלד

159 ניט צומאַכן דאָס בוך
160 זינג איך
162 ניטאָ זיי מער
164 דער אָפּגעברענטער וואַלד

ליכטיקע נשמות

171 יאַנוש קאָרטשאַק
175 מרדכי אַנילעוויטש

באַלאַדעס, פּאָעמעס און מעשהלעך

181 לו און דער שטערן

185 דער פּאַרכישופטער ברונעם
190 די באַלאַדע פֿונעם קראַנקן מייסטער
195 קריטער דער אַקס
198 אַ שטראַל אין דער פֿינצטער
200 ביי די וועגן זיצן בעטלערס
201 דער בלויער פֿויגל
203 דער אַלטער און די טויב
205 די באַלאַדע פֿון חוה די פּאַווע
208 אַ מעשה מיט צוויי פֿייגעלעך
210 אַ מעשה מיט אַן אמת און אַ ליגן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהערט צו קריגן

פֿאָלקסמאָטיוון

215 לויטער־ווייסע טייבעלעך
216 איך האָב מיר געקויפֿט אַ גיטאַר
217 שטייט אַ פֿויגל אויפֿן בוים
218 וויי און ווינד
219 „בערל מיטן פֿידל"
221 זעץ איך אַוועק זיך ביים אַלטן קלאַוויר
222 „אַ מעשה מיט אַ ציגעלע אַ ווייסע"
223 זענען אָפּגעברענט דיביימער
224 אויפֿן דאַך שטייט אַ האָן
225 וויינט אַ פֿויגל
226 דאָס ליד פֿונעם אַלטן שומר
228 דאָס ליד פֿונעם יונגן שמיד
229 דאָס ליד פֿון דער נייטאָרין
231 דאָס ליד פֿון דעם פֿויגל אין גאָלדענער שטייג
232 דאָס ליד פֿונעם פּאָסטעך
235 און דער שטורעם וועט אַוועק
236 זינגען ווינטן
237 שטיי איך ביי דעם הייסן אויוון
238 וואַקסן בלומען
239 זאָגט צו מיר דער בחור
240 מיין אייניקל מיט די שפּרינקעלעך
242 געדענקסט?

וועגן פינטשע בערמאַנס פּריערדיקע ביכער „אָפענע פענצטער" און „אין געררויש פון ווינט" האָבן געשריבן (לויטן א"ב):

אברהם באַראַבאַן — „יידישע צייטונג", תל־אביב

אברהם באַראַבאַן — „זיין", ניו־יאָרק

ז. בונין — „חשבון", לאָס־אַנדזשעלעס

בן ציון גאָלדבערג — „טאָג־מאָרגנזשורנאַל", ניו־יאָרק

בער גרין — „מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק

אליהו האָלצמאַן — „יידישע צייטונג", תל־אביב

פּראָפ. סאָלאָמאָן קאָהן — „די שטימע", מעקסיקע

יצחק קאַהאַן — „זיין", ניו־יאָרק

יוסף לודען — „פּראָבלעמען", תל־אביב

י. ל. — „לעצטע נייעס", תל־אביב

פּראָפ. סאָל ליפּצין (ענגליש) — אַמעריקען קאָלעדזש אויסגאַבע, ירושלים

ב. סיגאַלאָווסקי — „אונדזער ווינקל", ניו־יאָרק

ישראל עמיאָט — „פאָרווערטס", ניו־יאָרק

באָרווין פרענקל — „אונדזער שטימע", פּאַריז

צבי שטאָק — „זיין", ניו־יאָרק.